בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

וַיֵּרָא

228

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

היכל הקודש וויליאמסבורג
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

היכל הקודש בארא פארק
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

היכל הקודש ברסלב
בלומינג גראוו
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

היכל הקודש מאנסי
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
718-387-2691

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

קול
ברסלב
212-444-9191

חיזוק פאר די
אידישע שטוב
212-444-9169

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער לָאזְן מִיךְ אָפּ?...................................א

זָאל אִיךְ אָפְּהַאקְן מִיט אַ חַבֵר וָואס שֶׁערְט דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת?.................ב

זָאל אִיךְ אַרַיינְנֶעמֶען אִין חֵדֶר קִינְדֶער פוּן בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה?...........................ג

וִוי אַזוֹי זָאג אִיךְ אָפּ אַן אַרְבֵּייטֶער וָואס טוּט נִישְׁט זַיין אַרְבֶּעט?................ד

פַּארְוָואס לֶערְנֶען דִי לִיטְוִוישֶׁע פְּלַייסִיגֶער פוּן דִי חֲסִידִישֶׁע?.........................ו

וָואס טוּ אִיךְ מִיט מַיין בָּחוּר וָואס מַאכְט מִיר אַוֶועק כְּסֵדֶר?........................ח

וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ וִויל נִישְׁט אִיךְ זָאל לֶערְנֶען אִינְדֶערְהֵיים?...........י

וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ וֶוער עֶלְטֶער אוּן אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ וִוי אַן אוֹיסְגֶענוּצְטֶע שְׁמַאטֶע?.......................................................................................יא

מִיר זֶענֶען סְפַרְדִ'ישֶׁע, זָאל אִיךְ זִיךְ שֶׁערְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה?......................טו

אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ מִיט מַיין וַוייבּ, זָאל אִיךְ זִיךְ גֶטְ'ן?.................................יז

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

אַז דֶער מַאן וֶוערְט עֶרְלִיךְ, אִיז עֶס דִי קְרֶעדִיט פוּן דִי וַוייבּ ........................א

שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער מִיט דַיין פְרִישְׁקֵייט ..........................................ב

קוּם נִישְׁט אוֹיף אַמֶערִיקֶע פַאר פַּרְנָסָה ......................................ב

עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט שָׁאטְן...........................................................ג

אִין זְכוּת וָואס אִיר טוּט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וֶועט אִיר זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת.......................................................................................ג

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטְן אִיד ..................................ד

דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט פַארְפַאסְן אַ פִּינְטְל פוּן חֵדֶר ...............................ה

מְ'שְׁרַייט "לְכָבוֹד שַׁבָּת" ..................... ו

אַנְשְׁטָאט וָואטְסְעֶפּ, נֶעמְט אַ תְּהִלִּים ..................... ז

אֵיידֶעלֶערְהֵייט גֵיין פוּן מֶענְטְש צוּ מֶענְטְש אוֹיסְטֵיילְן סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים ..................... ח

וָואלְסְטוּ גֶעוְוִיסְט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי נִיגוּנִים, וָואלְסְטוּ אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן יֶעדֶעס יָאר אַפָּאר סִידוּרִים ..................... י

מַאךְ אַ פְּלַאן וָואס דוּ ווִילְסְט טוּן דֶעם זְמַן ..................... י

נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן, שְׁפֶּעטְן אוּן לַאכְן פוּן מֶענְטְשְׁן ..................... יא

עֶס אִיז כְּדַאי אוֹיסְצוּוַוארְטְן דִי יְשׁוּעָה ..................... יב

עֶס אִיז דָאךְ אַזוֹי גֶעשְׁמַאק אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פְּרִי פַארְטָאגְס לֶערְנֶען ..................... יג

אַלֶע וָואס טוּעֶן פַארְ'ן רֶבִּי'ן, הָאבְּן אַסַאךְ חֲלִישׁוּת הַדַעַת ..................... יד

הַאלְט אָן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן דַאוֶוענֶען אוּן זִינְגֶען זְמִירוֹת מִיט דִי קִינְדֶער ..................... טו

קְלוּגֶע פְּרוֹיעֶן בּוֹיעֶן אוֹיף זֵייעֶר שְׁטוּב ..................... טז

אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן וָואס טוּט זִיךְ אִין סְקוּל ..................... יז

נִישְׁט חָרוּב מַאכְן דִי חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער ..................... יז

אָפְּוַוארְטְן דִי קִינְדֶער צוּפְרִי אוּן בַּיינַאכְט, זֵיי גֶעבְּן וַוארֶעמְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט ..................... יט

נִישְׁט אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער, אָבֶּער אוֹיךְ נִישְׁט זִיצְן אוּן גָארְנִישְׁט טוּן ..................... כ

אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן ..................... כא

מֶען דַארְף קוּקְן וואוּ דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ ..................... כא

לֶערְנֶען אַ תּוֹרָה פוּן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן דִי תְּפִלָּה דֶערוֹיף, וַוארְטְנְדִיג אוֹיף אַ מַזָל טוֹב ..................... כב

זִיכֶער מַאכְן אַז דִי קִיאָסְק אִיז מְסוּדָר מִיט מְחִיצוֹת בִּצְנִיעוּת ..................... כג

אוֹיבּ אִיז נִישְׁטָא קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, אִיז גָארְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט ..................... כג

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער לָאזְן מִיךְ אָפּ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין שׁוֹין אִין דִי מִיטֶעלֶע יָארְן אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גוּט אוֹיסְגֶעקוּמֶען מִיט מַיין וַוייבּ; אִיךְ מַאךְ שׁוֹין בְּקָרוֹב חֲתוּנָה מַיין יוּנְגְסְטֶע קִינְד אוּן מַיין וַוייבּ זָאגְט אַז נָאךְ דִי קִינְדְ'ס חֲתוּנָה אִיז שׁוֹין צַייט זִיךְ צוּ צֶעטֵיילְן, בִּיז יֶעצְט הָאט זִי נִישְׁט גֶעוָואלְט וַוייל זִי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶס זָאל שָׁאטְן פַאר שִׁידוּכִים, אָבֶער יֶעצְט וִויל זִי זִיךְ שׁוֹין צֶעטֵיילְן.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, אִיךְ בִּין שׁוֹין נִישְׁט יוּנְג, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן, אוֹיךְ מַיינֶע קִינְדֶער קוּקְן נִישְׁט אוֹיף מִיר אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן אַיינְזַאם אַלֵיין, אִיךְ וֶועל עֶס נִישְׁט דוּרְכְטְרָאגְן.

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, הָאבּ אִיךְ בַּאשְׁלָאסְן צוּ שְׁרַייבְּן מַיין וֵוייטָאג, אֶפְשָׁר וֶועט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאבְּן עֶפֶּעס אַן עֵצָה פַאר מִיר.

יְיֵשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּרָכָה, י"ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיף וֶועם הָאסְטוּ טַעֲנוֹת - אוֹיף דַיין וַוייבּ? אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער?! חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵדֻיּוֹת ה, ז): "מַעֲשֶׂיךָ יְקָרְבוּךָ וּמַעֲשֶׂיךָ יְרַחֲקוּךָ", דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים וֶועלְן מַאכְן מֶען זָאל דִיר מְקַרֵב זַיין אוּן דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וֶועלְן מַאכְן מֶען זָאל דִיר מְרַחֵק זַיין.

הֵייבּ אָן רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ וֶועט זִי רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִיר, רֶעד שֵׁיין צוּ דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זֵיי קוּמֶען צוּ דִיר אוּן רֶעדְן מִיט דִיר; דָאס לֶעבְּן אִיז וְוי אַ שְׁפִּיגֶעלֶע. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כז, יט): "כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים, כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם", וֶוען מֶען קוּקְט אַרַיין אִין וַואסֶער מִיט אַ שְׁמֵייכְלְדִיגֶע פָּנִים זֶעט מֶען צוּרִיק אַ שְׁמֵייכְל אוּן וֶוען מֶען קוּקְט אַרַיין מִיט אַ בְּרוֹגֶז'דִיגֶע פָּנִים זֶעט מֶען צוּרִיק אַ בְּרוֹגֶז פָּנִים; אַז דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַנְדֶערֶע - וֶועט מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִיר.

עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ שְׁפֶּעט, מֶען קֶען אַלְץ פַארְרֶעכְטְן; פִּיר זִיךְ שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ - וֶועט זִי בְּלַייבְּן מִיט דִיר.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## זָאל אִיךְ אָפְּהַאקְן מִיט אַ חַבֵר וָואס שֶׁערְט דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ נָאנְטֶער חַבֵר אִין יְשִׁיבָה, לֶעצְטְנְס הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן שֶׁערְן דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, זָאל אִיךְ אָפְּהַאקְן מִיט אִים?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּרָכָה, י״ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חַס וְשָׁלוֹם! בְּלַייבּ נָאנְט מִיט אִים, זַיי אִים מְחַזֵּק; רֶעד מִיט אִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת, וַוייל דָאס אַז עֶר שְׁנַיידְט דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת - דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר דַארְף אַסַאךְ חִיזוּק, דָאס וַוייזְט אַז עֶפֶּעס אַ שְׁוֶועֶרע צַייט גֵייט עֶר אַרִיבֶּער אוּן עֶר דַארְף יֶעצְט מֶער חִיזוּק.

אַזוֹי אִיז מִיט אַלֶע בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס הֵייבְּן אָן פְּלִיקְן דִי בָּארְד אוּן שְׁנַיידְן זִיךְ קְלֶענֶער אוּן קְלֶענֶער דִי פֵּיאוֹת; דָאס אִיז פוּן צֶעבְּרָאכְנְקֵייט, פוּן יֵאוּשׁ.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

**זָאל אִיךְ אַרַיינְנֶעמֶען אִין חֵדֶר קִינְדֶער פוּן בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְנַהֵל אִין אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה, לֶעצְטֶע וָואךְ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ פְּרוּמֶער אִיד, אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר וִויל אַרַיינְלֵייגְן זַיינֶע קִינְדֶער בַּיי אוּנְז. אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ זַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי קוּקְן אוֹיס וואוילֶע קִינְדֶער, אָבֶער אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס פַאר אַ חִינוּךְ זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען פַאר זֵיי זֶענֶען אַהֶער גֶעקוּמֶען, זָאל אִיךְ זֵיי אַרַיינְנֶעמֶען?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּרָכָה, י״ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ זֵיי אַרֵיינְנֶעמֶען; וָואס זֶענֶען מִיר בֶּעסֶער וִוי זֵיי? הַלְוַאי זָאלְן מִיר אוֹיךְ תְּשׁוּבָה טוּן, מִיר זָאלְן אוֹיךְ זַיין בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה.

דִי אַלֶע וָואס גְרוֹיסְן זִיךְ אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן נֶעמֶען נִישְׁט אַרֵיין קִינְדֶער פוּן אַזֶעלְכֶע מִשְׁפָּחוֹת, נָאר פוּן אַזֶעלְכֶע סָארְט מִשְׁפָּחוֹת - דִי זֶענֶען עָתִיד לִיתֵּן אֶת הַדִין, זֵיי וֶועלְן דַארְפְן אָפְּגֶעבְּן אַן עֶנְטְפֶער אוֹיף נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל וָואס וַואלְגֶערְן זִיךְ אִין דִי גַאסְן, אַזוֹי וִוי יִרְמְיָהוּ הַנָבִיא קְלָאגְט (אֵיכָה ד, א-ב): "תִּשְׁתַּפֵּכְנָה אַבְנֵי קֹדֶשׁ בְּרֹאשׁ כָּל חוּצוֹת, בְּנֵי צִיּוֹן הַיְקָרִים הַמְסֻלָּאִים בַּפָּז".

אַז דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זֵיי - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## וִוי אַזוֹי זָאג אִיךְ אָפּ אַן אַרְבֵּייטֶער וָואס טוּט נִישְׁט זַיין אַרְבֶּעט?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב אַרֵיינְגֶענוּמֶען אַ גֶעלוּנְגֶעֶנֶער אִינְגֶערְמַאן צוּ אַרְבֶּעטְן בַּיי מִיר אִין אָפִּיס, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה טוּט עֶר נִישְׁט זַיין אַרְבֶּעט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. נָאכ'ן רֶעדְן צוּ אִים אַפָּאר מָאל שֵׁיינֶערְהֵייט הָאב אִיךְ אוֹיסְגֶעפוּנֶען אַז דִי סִיבָּה אִיז וַוייל בַּיי זַיין פְרִיעֶרְדִיגֶע אַרְבֶּעט הָאט מֶען אִים זֵייעֶר אוֹיסְגֶענוּצְט אוּן יֶעצְט אִיז אִים שׁוֹין שְׁוֶוער אוֹיסְצוּפִירְן זַיין אַרְבֶּעט נָארְמַאל.

יֶעצְט זֶע אִיךְ זִיךְ מִיט אַ טֵייעֶרֶער אַרְבֶּעטֶער, אִיךְ צָאל אִים אַסַאךְ גֶעלְט, אָבֶּער עֶר טוּט נִישְׁט רִיכְטִיג זַיין אַרְבֶּעט; אִיךְ וִויל אִים נִישְׁט אַוֶועקְשִׁיקְן וַוייל אִיךְ וִויל נִישְׁט וֵויי טוּן אַ אִיד, וִוי אַזוֹי גֶעב אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּרָכָה, י"ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז עֶר טוּט נִישְׁט זַיין אַרְבֶּעט - זָאלְסְטוּ אִים שֵׁיינֶערְהֵייט זָאגְן עֶר זָאל זִיךְ זוּכְן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.

דָאס הֵייסְט נִישְׁט וֵויי טוּן; אַז דוּ וֶועסְט שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִים, דוּ וֶועסְט אִים מְבַזֶּה זַיין - דָאס טָאר מֶען נִישְׁט. אַוֶועק שִׁיקְן אִיז נִישְׁט וֵויי טוּן; אַז עֶר טוּט נִישְׁט זַיין אַרְבֶּעט - זָאל עֶר זִיךְ זוּכְן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ וָואס צוּ טוּן.

רֶעד צוּ אִים שֵׁיין אוּן קְלָאר, זָאג אִים וָואס דוּ זֶעסְט, פְרֶעג אִים וָואס עֶר זֶעט; עֶר וִויל אוֹיךְ נִישְׁט זִיצְן בַּיי דִיר סְתָּם אוֹיף קֶעסְט, רֶעד מִיט אִים קְלָאר אוּן אָפְן.

אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר אוֹיף שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן, נָאר וֶוען מֶען אִיז טוֹיט קְרַאנְק אוּן דִי דָאקְטוֹרִים הָאבְּן שׁוֹין אוֹיפְגֶעגֶעבְּן; מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פוּן דִי זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע אַיינְגֶענֶעמֶע זַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, מִיר זָאלְן זַיין אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע רֶגַע אוּן יֶעדֶע מִינוּט.

אַז דוּ דַארְפְסְט אַ גוּטֶע אַרְבֶּעטֶער - זָאלְסְטוּ דָאס בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דוּ דַארְפְסְט אַוֶועק שִׁיקְן אַן אַרְבֶּעטֶער - זָאלְסְטוּ דָאס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז דוּ וֶועסְט וִויסְן וָואס צוּ טוּן אוּן וִוי אַזוֹי דָאס צוּ טוּן.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר דַארְפְן זָאלְן מִיר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## פַארְוָואס לֶערְנֶען דִי לִיטְוִוישֶׁע פְלַייסִיגֶער פוּן דִי חֲסִידִישֶׁע?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אַ זַאךְ וָואס טוּט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויי. אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אַסַאךְ מָאל אִין אַ גְרוֹיסֶע לִיטְוִוישֶׁע יְשִׁיבָה צוּלִיב מַיין אַרְבֶּעט אוּן אִיךְ זֶע וִוי זֵיי לֶערְנֶען שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע חֲבִיבוּת הַתּוֹרָה וָואס אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען פַארְדֶעם; אִיךְ וִויל פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן אַזַא חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען - וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט בַּיי דִי חֲסִידִישֶׁע?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּרָכָה, י"ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס אִיז וַוייל בַּיי זֵיי הָאט מֶען גֶעלֵייגְט מֶער גֶעוִוירְט אוֹיף לֶערְנֶען וִוי בַּיי חֲסִידִים; בַּיי חֲסִידִים הָאט מֶען גֶעלֵייגְט מֶער דָגוּשׁ אוֹיף דַאוֶונֶען אוּן בַּיי דִי לִיטְוִוישֶׁע הָאט מֶען גֶעלֵייגְט מֶער דָגוּשׁ אוֹיף לִימוּד הַתּוֹרָה, דֶערִיבֶּער זֶעט מֶען בַּיי זֵיי מֶער הַתְמָדָה אִין תּוֹרָה; נִישְׁט אַז חֲסִידִים לֶערְנֶען נִישְׁט, חֲסִידִים לֶערְנֶען זֵייעֶר פְלַייסִיג, אָבֶּער דָארְט זֶעט מֶען אַ שְׁטַארְקֶע הַתְמָדָה וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ.

עֶס אִיז בַּאוִוּסְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל נֶעמֶען דָאס גוּטְס פוּן דִי חֲסִידִים אוּן דָאס גוּטְס פוּן דִי לִיטְוִוישֶׁע, אִיךְ וֶועל פּוֹעֶל'ן בַּיי מַיינֶע לַייט זָאלְן הָאבְּן דִי מַעֲלוֹת פוּן בֵּיידֶע"; דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט סֵיי פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תּוֹרָה אוּן סֵיי פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּפִלָּה, דָאס זֶעט מֶען טַאקֶע בַּיי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ, מֶען לֶערְנְט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע הַתְמָדָה, שְׁטֶענְדִיג הַאלְט מֶען מִיט זִיךְ אַ סֵפֶר;

אָדֶער אַ חוּמָשׁ, אָדֶער אַ מִשְׁנַיּוֹת, אָדֶער אַ תְּהִילִים און וֶוען מֶען הָאט נָאר אַפָּאר אִיבְּרִיגֶע מִינוּט כַאפְּט מֶען אַרַיין לֶערְנֶען, מֶען פְּרוּבִּירְט צוּ פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן כָּאטְשִׁיג צוּ עֶנְדִיגְן אֵיין מָאל אִין לֶעבְּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן עֶנְדִיגְן אִין אֵיין יָאר.

רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "פַּעַם אֶחָד חָשַׁב רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מַה שֶּׁהָאָדָם צָרִיךְ לִלְמֹד בְּכָל יוֹם עַד שֶׁאֵין הַיּוֹם מַסְפִּיק", דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶערֶעכְנְט וְויפִיל מִיר דַארְפְן לֶערְנֶען און עֶנְדִיגְן יֶעדֶעס יָאר, אַזוֹיפִיל שִׁיעוּרִים - אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין צַייט אִין טָאג אַזוֹיפִיל צוּ לֶערְנֶען, "דְּהַיְנוּ לִגְמֹר בְּכָל שָׁנָה שַׁ"ס עִם הָרִי"ף וְהָרֹא"שׁ", עֶנְדִיגְן יֶעדֶעס יָאר גַאנְץ שַׁ"ס מִיט רִי"ף און רֹא"שׁ, "וְאַרְבָּעָה שׁוּלְחָן עָרוּךְ הַגְּדוֹלִים", עֶנְדִיגְן יֶעדֶעס יָאר אַלֶע פִיר חֲלָקִים שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט אַלֶע נוֹשְׂאֵי כֵּלִים, "וְכָל הַמִּדְרָשִׁים כֻּלָּם", און אַלֶע מִדְרָשִׁים, "וְכָל סִפְרֵי הַזֹּהַר וְתִקּוּנִים וְזֹהַר חָדָשׁ", און גַאנְץ זוֹהַר מִיט תִּיקוּנֵי זֹהַר, "וְכָל סִפְרֵי קַבָּלָה מֵהָאֲרִ"י זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה", אַלֶע סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל, "גַּם צְרִיכִין לִלְמֹד אֵיזֶה שִׁעוּר בַּיּוֹם בִּקְצָת עִיּוּן", אוֹיךְ דַארְף מֶען לֶערְנֶען אַבִּיסְל עִיּוּן יֶעדְן טָאג, אָבֶער אַלֶע אַנְדֶערֶע שִׁיעוּרִים זָאל מֶען לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן, וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען לֶערְנְט, מֶען דַארְף נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה און צוּם סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין, "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד, וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן און מֶען וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ - מַה בְּכָךְ", און אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל און אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל, אִיז אוֹיךְ

גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת סג.): 'לִגְמוֹר וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים קיט, כ): 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", וַוייל דָאס לֶערְנֶען אַלֵיינְס אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעם, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד - לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מֶען גֶעוואוּינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל לֶערְנְט מֶען דָאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ, דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט, דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

### וָואס טוּ אִיךְ מִיט מַיין בָּחוּר וָואס מַאכְט מִיר אַוֶועק כְּסֵדֶר?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב אַ פְּרָאבְּלֶעם וָואס שְׁטֶערְט מִיךְ זֵייעֶר, מַיין זוּן - אַן עֶרְוַואקְסֶענֶער בָּחוּר - שְׁרֵייט אוֹיף מִיר אוּן קְרִיטִיקִירְט מִיךְ; אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס עֶר קֶען טְרֶעפְן אַז אִיךְ פִיר זִיךְ עֶפֶּעס נִישְׁט אוֹיף ווִי דִי הֲלָכָה אִיז לוֹיט זַיין פַארְשְׁטַאנְד - וֶועט עֶר מִיר גְלַייךְ פַארְהַאלְטְן, אוּן עֶר הַאלְט מִיךְ אִין אֵיין אַוֶועקְמַאכְן. אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס; וָואס טוּ אִיךְ?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּרָכָה, י"ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הָאסְט זִיךְ אַבִּיסְל צוּ שְׁפֶּעט אוֹיפְגֶעוֶועקְט; חִינוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען גָאר קְלֵיין, וֶוען זֵיי זֶענֶען צְוֵויי יָאר, דְרֵיי יָאר, פִּיר יָאר - דֶעמָאלְט אִיז צַייט זֵיי אוֹיסְצוּלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ טַאטֶע מַאמֶע.

זֵייעֶר אַסַאךְ מַאכְן דֶעם טָעוּת, מֶען לָאזְט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוֹיפְוַואקְסְן קְרוּם, מֶען לָאזְט זֵיי עֶנְטְפֶערְן דִי עֶלְטֶערְן מִיט חוּצְפָּה, מֶען זָאגְט 'יֶעצְט זֶענֶען זֵיי נָאךְ קְלֵיין, מֶען דַארְף זֵיי נִישְׁט מְחַנֵךְ זַיין', אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף - הָאט מֶען צַעַר פוּן זֵיי.

אוֹיבּ דוּ הָאסְט נָאךְ קְלֵיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ שׁוֹין אָנְהֵייבְּן זֵיי מְחַנֵךְ זַיין וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ טַאטֶע מַאמֶע; שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כג, יג-יד): "אַל תִּמְנַע מִנַּעַר מוּסָר", הַאלְט זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק פוּן זָאגְן מוּסָר פַאר דַיין קִינְד וֶוען עֶר אִיז יוּנְג, "כִּי תַכֶּנּוּ בַשֵּׁבֶט, לֹא יָמוּת", הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא אִים צוּ שְׁלָאגְן, עֶר וֶועט נִישְׁט שְׁטַארְבְּן פוּן אַ פַּאטְשׁ, "אַתָּה, בַּשֵּׁבֶט תַּכֶּנּוּ", דוּ זָאלְסְט אִים שְׁלָאגְן, "וְנַפְשׁוֹ, מִשְּׁאוֹל תַּצִּיל", אַזוֹי וֶועסְטוּ אִים רַאטֶעוֶוען פוּן גֵיהִנוֹם.

יוּנְגֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין צוּ פָאלְגְן טַאטֶע מַאמֶע, קִינְדֶער דַארְפְן וִויסְן אַז אַ טַאטֶע זָאגְט יָא אִיז יָא, אַז אַ מַאמֶע זָאגְט נֵיין אִיז נֵיין, אוּן אַז דָאס קִינְד פָאלְגְט נִישְׁט - גֶעבְּט מֶען קְלֵיינֶע פֶּעטְשֶׁעלֶעךְ, אַזוֹי רַאטֶעוֶועט מֶען דָאס קִינְד פוּן שְׁלֶעכְטְס, אַזוֹי וַואקְסְן זֵיי אוֹיף גֶעזוּנְט.

יֶעצְט מִיט דַיין בָּחוּר אִיז שׁוֹין אַבִּיסְל שְׁפֶּעט, יֶעצְט דַארְפְסְטוּ שׁוֹין אַרְבֶּעטְן מִיט חָכְמָה; וֶוען עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן: "מֶען טָאר נִישְׁט אַזוֹי רֶעדְן צוּ אַ טַאטֶע".

גְרִינְגֶער וֶועט דִיר זַיין זִיךְ אָנְצוּנֶעמֶען פַאר דַיין וַוייבּ; וֶוען דוּ הֶערְסְט אִים רֶעדְן נִישְׁט שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ - זָאלְסְטוּ אִים בַּאמֶערְקְן דֶערוֹיף אוּן זָאגְן: "מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן אַזוֹי צוּ מַאמִי", אוּן דַיין וַוייבּ וֶועט דִיר הֶעלְפְן, וֶוען זִי הֶערְט

ווי עֶר רֶעדְט צוּ דִיר נִישְׁט שֵׁיין וֶועט זִי אִים זָאגְן: "מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן אַזוֹי צוּ טַאטִי"; אִין יֶעדֶע פַּאל זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן: "מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן אַזוֹי צוּ אַ טַאטֶע".

חִינוּךְ אִיז פוּן דִי הֶעכְסְטֶע זַאכְן בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וֶוען מֶען זֶעט זִיךְ מִיט קִינְדֶער מְחוּצָפִּים, עַזּוּת פָּנִימ'עֶר - ווייסְט מֶען נִישְׁט וֶוער אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם, רוֹב מָאל אִיז דָאס דִי עֶלְטֶערְנ'ס פְּרָאבְּלֶעם, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מְחַנֵךְ גֶעוֶוען דִי קִינְדֶער, אוּן וֶוען מֶען זֶעט קִינְדֶער בַּעֲלֵי דֶרֶךְ אֶרֶץ - אִיז דִי קְרֶעדִיט דִי עֶלְטֶערְנ'ס. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, א): "בֵּן חָכָם", אַ קְלוּג קִינְד, "מוּסַר אָב", אִיז וַוייל עֶר הָאט אַ טַאטֶע וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, "וְלֵץ", אוּן קִינְדֶער וָואס זֶענֶען לֵצִים, "לֹא שָׁמַע גְּעָרָה", אִיז וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהֶערְט קַיין גֶעשְׁרֵיי, נָאךְ זָאגְט עֶר (שָׁם כב, טו): "אִוֶּלֶת, קְשׁוּרָה בְלֶב נָעַר", קִינְדֶער זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדְן מִיט נַארִישֶׁע נַאטוּרְן, "שֵׁבֶט מוּסָר, יַרְחִיקֶנָּה מִמֶּנּוּ", מִיט שְׁטְרָאף נֶעמְט מֶען אַוֶועק דִי נַארִישְׁקֵייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ וויל נִישְׁט אִיךְ זָאל לֶערְנֶען אִינְדֶערְהֵיים?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין וַוייבּ וויל נִישְׁט אִיךְ זָאל לֶערְנֶען אִינְדֶערְהֵיים; אִיךְ בִּין פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט אוּן אִיךְ קוּם מַמָּשׁ נִישְׁט אָן צוּ לֶערְנֶען אוֹיסֶער חוּמָשׁ מִיט תַּרְגוּם נָאכ'ן דַאוֶוענֶען, וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ לֶערְנֶען מֶער?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּרָכָה, י״ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

זִי אִיז הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גֶערֶעכְט; זִי וַוארְט אוֹיף דִיר אַ גַאנְצְן טָאג, דוּ קוּמְסְט אַהֵיים טוֹיזְנְט אַזֵייגֶער, זִי בַּאדִינְט דִיר, זִי בְּרֶענְגְט דִיר עֶסְן און גְלַייךְ ווילְסְטוּ לוֹיפְן לֶערְנֶען; זִי וויל רֶעדְן מִיט דִיר, זִי וויל שְׁמוּעֶסְן מִיט דִיר, זִי וִויל דִיר דֶערְצֵיילְן וִוי אַזוֹי אִיר טָאג אִיז אַרִיבֶּער; זִי וַוארְט אַ גַאנְצְן טָאג וֶוען וֶועסְטוּ אַהֵיים קוּמֶען זִי זָאל קֶענֶען מִיטְטֵיילְן אִיר טָאג מִיט דִיר.

אַז דוּ וֶועסְט אִיר גֶעבְּן צַייט, דוּ וֶועסְט אִיר הֶעלְפְן און אִיר אוֹיסְהֶערְן - וֶועט זִי דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן צוּ לֶערְנֶען, זִי וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ לֶערְנְסְט אִין שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ וֶוער עֶלְטֶער און אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ וִוי אַן אוֹיסְגֶענוּצְטֶע שְׁמַאטֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ נֶעם אַזוֹי סַאךְ חִיזוּק פוּן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אַז אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דֶעם.

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אַ זַאךְ וָואס קוּקְט אֶפְשָׁר אוֹיס וִוי אַ קְלֵיינִיקֵייט אָבֶּער פַאר מִיר אִיז עֶס אַ גְרוֹיסֶע צָרָה; אִיךְ אַרְבֶּעט בַּיי אַ גֶעווִיסֶע קָאמְפַּאנִי שׁוֹין פַאר דִי לֶעצְטֶע צְוָואנְצִיג יָאר, לֶעצְטְנְס הָאבְּן זֵיי מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן צָאלְן ווֵיינִיג וַוייל זֵיי טַעֲנָה'ן אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט דִי כֹּחוֹת צוּ אַרְבֶּעטְן גֶעהֶערִיג. אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט יֶעצְט אָנְהֵייבְּן זוּכְן און טוּן אַ

נֵייעֶ פַּרְנָסָה, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע בְּרֵירָה נָאר צוּ זַיין דָארְט פַארְשְׁקְלַאפְט, אַרְבֶּעטְן יֶעדְן טָאג אַ גַאנְצְן טָאג פַאר דִי פָּאר דָאלֶער וָואס אִיךְ בַּאקוּם.

אִיךְ וַויין אַסַאךְ בַּיי דִי גֶעכְט וַוייל עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי. אִיךְ הָאבּ אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן מַיינֶע שֶׁענְסְטֶע יָארְן אַרְבֶּעטְנְדִיג שְׁוֶוער פַאר דִי קָאמְפַּאנִי אוּן יֶעצְט וֶוען אִיךְ וִויל שׁוֹין הָאבְּן אַבִּיסְל מְנוּחָה דַארְף אִיךְ וַוייטֶער אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער, אָבֶּער אִיךְ בַּאקוּם כִּמְעַט גָארְנִישְׁט, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אַן אוֹיסְגֶענוּצְטֶע שְׁמַאטֶע. וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּרָכָה, י"ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֵויינֶען וָואלְסְטוּ גֶעדַארְפְט דִי אַלֶע יָארְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעמֵיינְט אַז דוּ הָאסְט עֶפֶּעס וְכוּ', דִי אַלֶע יָארְן וָואס דוּ הָאסְט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן דַיין צַייט פַּאר דִי בִּיזְנֶעס, הָאסְט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן דַיין מִשְׁפָּחָה, דַיינֶע קִינְדֶער, דַיין שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב - פַּאר דִי אַרְבֶּעט; דֶעמָאלְט בִּיסְטוּ גֶעוֶוען אַ רַחְמָנוּת, יֶעצְט וֶוען מֶען לֵייגְט דִיר אִין דִי זַייט וְכוּ', - בִּיסְטוּ שׁוֹין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער; לְכָל הַפָּחוֹת יֶעצְט וֶוען דוּ זֶעסְט מִיט דַיינֶע אוֹיגְן וָואס דֶער לֶעבְּן אִיז - קֶענְסְטוּ אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "הָעוֹלָם הַזֶּה אֵינוֹ כְּלוּם", נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט, "רַק לִמְשֹׁךְ אֶל הַתַּכְלִית הַנִּצְחִי", אוֹיסֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְאֵין לְהִסְתַּכֵּל אִם יִהְיֶה לוֹ מָעוֹת אִם לָאו", מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן אוֹיבּ מֶען וֶועט הָאבְּן גֶעלְט אָדֶער נִישְׁט, "כִּי בֵּין כָּךְ וּבֵין כָּךְ יְבַלֶּה יָמָיו בְּשָׁוֶה", סַיי מִיט גֶעלְט אוּן סַיי וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט גֵייט אַרִיבֶּער דֶער לֶעבְּן אֵיינִיג. "כִּי הָעוֹלָם הַזֶּה מַטְעֶה אוֹתָנוּ לְגַמְרֵי", דִי וֶועלְט נַארְט אוּנְז, "שֶׁמַּרְאֶה אֶל הָאָדָם כְּאִלּוּ הוּא מַרְוִיחַ בְּכָל פַּעַם", עֶס דַאכְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַז יֶעצְט מַאכְט מֶען אַסַאךְ גֶעלְט, "וּבַסּוֹף אֵינוֹ כְּלוּם", אוּן בַּיים סוֹף הָאט מֶען גָארְנִישְׁט קַיין גֶעלְט, "כַּאֲשֶׁר נִרְאֶה בְּחוּשׁ בְּרֹב בְּנֵי אָדָם שֶׁעוֹסְקִים

וְעוֹבְדִים יָמִים וְשָׁנִים בִּסְחוֹרוֹת וּמַשָּׂא וּמַתָּן, וּלְבַסּוֹף כְּשֶׁבָּאִין לְחֶשְׁבּוֹן אֵין נִשְׁאָר בְּיָדָם כְּלוּם", אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט קְלָאר, רוֹב מֶענְטְשְׁן אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן אוּן בַּיים סוֹף וֶוען מֶען מַאכְט דִי חֶשְׁבּוֹן וואוּ דִי גֶעלְט אִיז - זֶעט מֶען אַז מֶען הָאט גָארְנִישְׁט, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן, "וְאִם אֲפִלּוּ מַשִּׂיג מָעוֹת לוֹקְחִין אוֹתוֹ מִן הַמָּעוֹת", אוּן אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס פַארְדִינֶען יָא גֶעלְט - הָאבְּן אוֹיךְ גָארְנִישְׁט פוּן דִי גֶעלְט, מֶען נֶעמְט זֵיי אַוֶועק פוּן דִי גֶעלְט, "וְהַכְּלָל, שֶׁשְּׁנֵיהֶם אֵין לָהֶם קִיּוּם בְּיַחַד, דְּהַיְנוּ הָאָדָם עִם הַמָּעוֹת", נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ עֶס זָאל בְּלַייבְּן בֵּיידֶע זַאכְן - דֶער מֶענְטְשׁ מִיט דִי גֶעלְט, "רַק אוֹ שֶׁלּוֹקְחִין הַמָּעוֹת מִן הָאָדָם", אָדֶער פַארְלִירְט מֶען דִי גֶעלְט, "אוֹ שֶׁלּוֹקְחִין הָאָדָם מֵהַמָּעוֹת", אָדֶער בְּלַייבְּט דִי גֶעלְט אוּן דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי גֶעלְט, מֶען שְׁטַארְבְּט, "וּמֵעוֹלָם לֹא נִמְצָא שֶׁיִּשָּׁאֵר אֶחָד עִם הַמָּעוֹת, רַק כַּנִּזְכָּר לְעֵיל", עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא זַאךְ אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל בְּלַייבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט מִיט זַיין גֶעלְט. "גַּם הֵיכָן הוּא כָּל הַמָּעוֹת שֶׁעוֹשִׂין מִימוֹת עוֹלָם?" דֶער רֶבִּי פְּרֶעגְט, אוֹיבּ גֶעלְט אִיז אַ מְצִיאוּת, דַאן וואוּ אִיז דִי גֶעלְט פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, "כִּי מֵעוֹלָם עוֹשִׂין תָּמִיד מָעוֹת, וְהֵיכָן הוּא כָּל הַמָּעוֹת", אַלֶע מַאכְן דָאךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעלְט, אִיז וואוּ אִיז דִי גֶעלְט? "רַק בֶּאֱמֶת אֵינוֹ כְּלוּם לְגַמְרֵי", נָאר וָואס דֶען, דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן גֶעלְט אִיז אַ דִמְיוֹן; קוּק נָאךְ דִי גַאנְצֶע שִׂיחָה פוּן רֶבִּי'ן.

אַ נֵס אַז דוּ הָאסְט זִיךְ יֶעצְט גֶעכַאפְּט וואוּ דוּ בִּיסְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, קֶענְסְטוּ זִיךְ כָאטְשִׁיג יֶעצְט אָנְגְרֵייטְן אַבִּיסְל צֵדָה לַדֶּרֶךְ; בַּאלְד גֵייעֶן מִיר אַוֶועק אוֹיף אַ לַאנְגֶע וֶועג, מֶען וֶועט דָארְט זַיין זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג אוּן דוּרְשְׁטֶערִיג, מֶען דַארְף זִיךְ אָנְגְרֵייטְן עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען פַאר דִי לַאנְגֶע וֶועג, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן כג) "בָּעוֹלָם הַבָּא מְנָחִין כַּמָּה בְּנֵי אָדָם בַּחוּץ וְהֵם צוֹעֲקִים בְּקוֹל מַר", אוֹיבְּן אִין הִימְל אִיז דָא נְשָׁמוֹת וָואס שְׁרֵייעֶן מִיט אַ בִּיטֶערֶע קוֹל: "תְּנוּ לָנוּ מַה לֶּאֱכֹל", גֶעבְּט אוּנְז עֶסְן, מִיר זֶענֶען הוּנְגֶערִיג, גֶעבְּט אוּנְז טְרִינְקֶען מִיר זֶענֶען דוּרְשְׁטֶערִיג, "וּבָאִין אֶצְלָם וְאוֹמְרִים לָהֶם: 'הֲרֵי לָכֶם אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה אִכְלוּ וּשְׁתוּ'", מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי עֶסְן, מֶען זָאגְט זֵיי דָא הָאט אִיר פֵיינֶע עֶסְן, מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי טְרִינְקֶען אוּן מֶען זָאגְט זֵיי דָא הָאט אִיר פֵיינֶע טְרִינְקֶען, "וְהֵם מְשִׁיבִים 'לֹא לֹא, אֵין אָנוּ צְרִיכִים אֲכִילָה זֹאת, רַק אָנוּ צְרִיכִים

אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה שֶׁל תּוֹרָה וַעֲבוֹדָה״, דִי נְשָׁמוֹת שְׁרֵייעֶן נֵיין, נֵיין, נִישְׁט דָאס מֵיינֶען מִיר, נִישְׁט דִי עֶסְן, מִיר דַארְפְן עֶסְן פוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען, ״וְכֵן מְנָחִים כַּמָּה בְּנֵי אָדָם עֲרֻמִּים בַּחוּץ וְהֵם צוֹעֲקִים גַּם כֵּן מְאֹד״, נָאכְדֶעם אִיז דָא נְשָׁמוֹת וָואס שְׁרֵייעֶן: ״תְּנוּ לָנוּ בַּמֶּה לְהִתְכַּסּוֹת״, בְּרֶענְגְט אוּנְז קְלֵיידֶער מִיר דַארְפְן זִיךְ צוּדֶעקְן, ״וּבָאִין אֶצְלָם וְאוֹמְרִים: ׳הֲרֵי לָכֶם מַלְבּוּשִׁים׳״, מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי קְלֵיידֶער, מֶען זָאגְט זֵיי דָא הָאט אִיר קְלֵיידֶער, ״וְהֵם מְשִׁיבִים: ׳לֹא, אֵין אֵלּוּ מַלְבּוּשִׁים נִצְרָכִים לָנוּ כְּלָל׳״, זָאגְן זֵיי נֵיין, נֵיין, נִישְׁט דִי סָארְט קְלֵיידֶער דַארְפְן מִיר: ״רַק אָנוּ צְרִיכִים מִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים לְהִתְלַבֵּשׁ בָּהֶם״, מִיר דַארְפְן קְלֵיידֶער פוּן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים. דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: ״אַשְׁרֵי מִי שֶׁזּוֹכֶה לֶאֱכֹל כַּמָּה פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת וְלִשְׁתּוֹת אַחַר כָּךְ אֵיזֶה קַפִּיטְלִיךְ תְּהִלִּים, וּלְהִתְלַבֵּשׁ בְּאֵיזֶה מִצְווֹת״, ווארויל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶסְט יֶעדְן טָאג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן טְרִינְקְט קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אוּן טוּט זִיךְ אָן מִיט מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דִיר, עֶר הָאט דִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן דַיין טִיפֶע לַאנְגֶע שְׁלָאף. וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען מֶען הֵייבְּט דִיר אוֹיף הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער אִין דִי אַרְבֶּעט? וָואלְסְטוּ גֶעמֵיינְט בִּיזְן שְׁטַארְבְּן אַז דוּ הָאסְט עֶפֶּעס, דוּ וָואלְסְט זִיךְ גֶענַארְט בִּיזְן גְרוּב מִיט דַיין גוּטֶע אַרְבֶּעט אוּן דוּ וָואלְסְט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט מִיט אַ גוּטֶע דְשַׁאבּ, מִיט אַ גוּטֶע גֶעהַאלְט; יֶעצְט הָאסְטוּ כָאטְשִׁיג צַייט זִיךְ צוּ גְרֵייטְן מִיט תַּכְלִית אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְלַאכְן פוּן דִי וֶועלְט וָואס נַארְט אָפּ יֶעדְן אֵיינֶעם.

אִיךְ ווִיל דִיר פְרֶעגְן אַ פְּרִיוַואטֶע קַשְׁיָא, וֶוער נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט; הָאסְט שׁוֹין אֵיין מָאל גֶעעֶנְדִיגְט אִין דַיין לֶעבְּן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה? הָאסְט שׁוֹין אֵיין מָאל גֶעעֶנְדִיגְט שַׁ״ס בַּבְלִי? יְרוּשַׁלְמִי? תּוֹסֶפְתָּא? רַמְבַּ״ם? טוּר? שֻׁלְחָן עָרוּךְ? מִדְרָשׁ רַבָּה? מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא? זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ? תִּיקּוּנֵי זוֹהַר? אוֹיף דֶעם דַארְפְסְטוּ וֵויינֶען בַּיינַאכְט, דָאס טָאר נִישְׁט לָאזְן שְׁלָאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ; בִּיסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין אִינְגֶערְמַאן, מִיט וָואס וֶועסְטוּ צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן...?!

הֵייבּ אָן לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ; גְרֵייט זִיךְ אָן פוּן דִי

רִיכְטִיגֶע סְחוֹרָה וָואס בְּלַייבְּט בַּיים מֶענְטְשׁ אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן, אַזוֹי וְוי רֶבִּי נְהוֹרַאי זָאגְט: (קִידּוּשִׁין פב:) "שֶׁכָּל אוּמָנוּת שֶׁבָּעוֹלָם אֵין עוֹמְדוֹת לוֹ אֶלָּא בִּימֵי יַלְדוּתוֹ", אַלֶע סָארְט אַרְבֶּעט בְּרֶענְגְט גֶעלְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, "אֲבָל בִּימֵי זִקְנוּתוֹ הֲרֵי הוּא מוּטָל בָּרָעָב", אָבֶער אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן וֶוען מֶען קֶען מֶער נִישְׁט אַרְבֶּעטְן גֵייט מֶען אוֹיס פַאר הוּנְגֶער, "אֲבָל תּוֹרָה אֵינָהּ כֵּן", אָבֶער דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט אַזוֹי, "עוֹמֶדֶת לוֹ לְאָדָם בְּעֵת יַלְדוּתוֹ, וְנוֹתֶנֶת לוֹ אַחֲרִית וְתִקְוָה בְּעֵת זִקְנוּתוֹ", דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה - הֶעלְפְט עֶס לֶעבְּן אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אוּן אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן; דָאס בְּלַייבְּט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ, דָאס נֶעמְט מֶען מִיט.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## מִיר זֶענֶען סְפַרְדִ'ישֶׁע, זָאל אִיךְ זִיךְ שֶׁערְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

אִיךְ בִּין אַ כַּלָּה בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אַסַאךְ סְגוּלוֹת אוּן קַבָּלוֹת צוּ וֶוערְן אַ כַּלָּה, אוּן אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן אִיז גֶעוֶוען אַ תְּפִלָּה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אֵיינֶעם וָואס זוּכְט אַ שִׁידוּךְ, אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג בַּיי שַׁחֲרִית גֶעזָאגְט דִי תְּפִלָּה צוּ וֶוערְן אַ כַּלָּה, בִּיז אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת. הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעוָואלְט בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע חִיזּוּק אוּן אוֹיךְ פַאר דִי תְּפִלָּה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל צוּ דֶעם אוּן עֶס גֶעזָאגְט כִּמְעַט יֶעדְן טָאג פַאר אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַ כַּלָּה.

יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן עֶפֶּעס וָואס אִיךְ בִּין צֶעמִישְׁט פוּן דֶעם אוּן אִיךְ וְויל אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר גֶעבְּן אַ קְלָארֶע תְּשׁוּבָה, וֶועגְן שֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה. אִיךְ וֵויס אַז בַּיי דִי אַשְׁכְּנַזִ'ישֶׁע פְרוֹיעֶן אִיז זֵייעֶר הַארְבּ זִיךְ נִישְׁט צוּ שֶׁערְן דִי הָאר, אָבֶער בַּיי דִי סְפַרְדִ'ישֶׁע אִיז זֵייעֶר הַארְבּ זִיךְ יָא צוּ שֶׁערְן. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז עֶס שְׁטֵייט אַז דִי וַוייבּ פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם שֶׁערְט זִיךְ אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר הַארְבּ זִיךְ צוּ שֶׁערְן; דִי זַאךְ אִיז אַז אִיךְ אוּן אוֹיךְ מַיין חָתָן זֶענֶען סְפַרְדִ'ישֶׁע, מֶעג אִיךְ זִיךְ שֶׁערְן אָדֶער טָאר אִיךְ נִישְׁט?

בִּטֶע אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר עֶנְטְפֶערְן, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב צוּ וִויסְן וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן.

אוּן נָאכְאַמָאל אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַּאר אַלֶע חִיזוּק. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַסַאךְ כֹּחַ אוּנְז וַוייטֶער מְחַזֵק צוּ זַיין אוֹיף דִי וֶועגְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן מְקָרֵב זַיין אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**הַכַּלָּה ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַוַדַאי זָאלְט אִיר זִיךְ שֶׁערְן; נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פַּאר אַ אִידִישֶׁע פְּרוֹי וִוי זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר. אַז מֶען שֶׁערְט זִיךְ אָפּ דִי הָאר - נֶעמְט מֶען אַרָאפּ אַלֶע דִינִים פוּן זִיךְ אוּן פוּן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה; נִישְׁט קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד פוּן וואוּ מֶען שְׁטַאמְט, אַשְׁכְּנֶזִ'ישֶׁע, סְפַרְדִי'שֶׁע - אַלֶע דַארְפְן יְשׁוּעוֹת, רְפוּאוֹת אוּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

דִי אַלֶע וָואס זָאגְן אַז עַל פִּי קַבָּלָה טָאר מֶען נִישְׁט שֶׁערְן - דָאס אִיז דִמְיוֹנוֹת; עֶרְשְׁט עַל פִּי קַבָּלָה דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּשֶׁערְן! דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי זָאגְט (נָשֹׂא קכה:): "'תּוּנְבָא לֵיתֵי', אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ', אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דְשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ', וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, 'דְתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר', אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְבֵיתָהּ', דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְּרוֹי. 'וְאִתְּתָא דְאַפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר', אוּן אַ פְּרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, 'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ', זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא', אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְלָא יִתְחַשְׁבוּן בְּדָרָא', אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב, 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְשַׁרְיָא בְּבֵיתָא', אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז דִי סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ. 'מַאן גָּרִים דָא?' וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא

דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁה לְבַר׳, דִי פְּרוֹי וָואס אִיר הָאר וֶועט זִיךְ אַרוֹיס״.

אַז אִיר וֶועט אַרָאפְּנֶעמֶען אַייעֶרֶע הָאר וֶועט אִיר מְקָרֵב זַיין דִי גְּאוּלָה. מוֹהֲרָא״ש זָאגְט, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי פִּנְחָס׳ל קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זָאגְן: ״דִי גַאנְצֶע גְּאוּלָה הֶענְגְט אוֹיף אַ הָאר״; דִי פְּרוֹיעֶן וָואס שֶׁערְן זִיךְ נִישְׁט זֵייעֶר הָאר, דָאס הַאלְט אָפּ מָשִׁיחַ פוּן קוּמֶען. מוֹהֲרָא״ש פְלֶעגְט זָאגְן: ״אַ שָׁאד וֶועגְן אַבִּיסְל הָאר זָאל מֶען לַיידְן אַזוֹיפִיל צָרוֹת״.

וואוֹיל אִיז דִי וָואס גֵייעֶן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ מִיט מַיין וַוייבּ, זָאל אִיךְ זִיךְ גֶטְ׳ן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעוָואלְט בַּאדַאנְקֶען פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר דִי אַלֶע דְרָשׁוֹת פוּן חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת. בִּזְכוּת דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ מַיין לֶעבְּן אַסַאךְ גֶעטוֹישְׁט.

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן שׁוֹין אַ שֵׁיינֶע פָּאר יָאר פוּן דֶער חֲתוּנָה, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן הַדְרָכָה; אָבֶּער קוֹדֶם דַארְף אִיךְ אַבִּיסְל מַסְבִּיר זַיין מַיין מַצָּב.

אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוואַקְסְן אִין אַן עֶבְּטֶע חֲסִידִי'שֶׁער שְׁטוּבּ, מַיין טַאטֶע אִיז גָאר אַ פַּארְמַאכְטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז אַרִיבֶּער גָאר אַסַאךְ אִין לֶעבְּן אוּן אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֱמֶת'עֶר קֶשֶׁר מִיט אִים חוּץ פוּן לֶערְנֶען, עֶר הָאט מִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט עִנְיָנֵי קְדוּשָּׁה, ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּהִיטְן, אוּן אוֹיךְ אִין אוּנְזֶער חֵדֶר הָאט מֶען בְּשִׁיטָה נִישְׁט גֶערֶעדְט פוּן דֶעם.

מִיךְ הָאט שׁוֹין פוּן אַלְס קְלֵיין קִינְד גֶעצוֹיגְן צוּ שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, שׁוֹין בַּיי דִי נַיין יָאר הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְדִיגְן מִיט פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אַן דֶעם

וָואס אִיךְ זָאל הָאבְּן אַן אַנוּנְג אַז מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דֶעם אַז עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ בַּיי מִיר, מַיינֶע גֶעפִילְן צוּ אִידִישְׁקַייט אִיז גֶעוָוארְן שְׁוַואכֶער אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַז דָאס אִיז אַ דִירֶעקְטֶע רֶעזוּלְטַאט פוּן מַיינֶע זִינְד, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ דָאךְ דֶעמָאלְט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעשֶׁעמְט צוּ פְרֶעגְן אוּן אַזוֹי בִּין אִיךְ גֶעפַאלְן מֶער אוּן מֶער. אִיךְ וֵויל שׁוֹין נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן אַז דָאס אִיז אַן עֲבֵירָה, מֶען אִיז חַיָּיב אוֹיף דֶעם מִיתָה, עֶס הֶעלְפְט אוֹיף דֶעם נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה; דֶעמָאלְט בִּין אִיךְ אַזוֹי גֶעפַאלְן גֶעוָוארְן בַּיי מִיר, אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט בְּלַייבְּן אִידִישׁ, נִישְׁט לְהַכְעִיס חַס וְשָׁלוֹם, נָאר פוּן יֵאוּשׁ.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִין דִי לֶעצְטֶע מִינוּט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר גֶערַאטֶעוֶועט אוּן מִיר מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט לְטוֹבָה. בְּעֶרֶךְ אַ יָאר דֶערְנָאךְ בִּין אִיךְ אַ חָתָן גֶעוָוארְן אוּן אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט עִם בַּת גִילִי בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת.

אָבֶּער גְלַייךְ נָאךְ מַיין חֲתוּנָה הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשָׁאקְלְט מַיין לֶעבְּן. מַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט הֶערְן פוּן אַ נָארְמַאלֶע לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם, וֶוען זִי הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אִיר כַּלָּה טִיטְשֶׁער הָאט זִי אִיר שׁוֹין גֶעזָאגְט אַז זִי וִויל נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן. אוּן דֶער בְּרָאךְ אִיז גֶעוֶוען פִיל גְרֶעסֶער אַז אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען פוּן פוּנְקְט דִי פַארְקֶערְטֶע זַייט, אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען אַ גוּטֶער בָּחוּר, אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ הַאלְטְן מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיט דֶעם אַז וֶוען אִיךְ וֶועל חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועט עֶס לַייכְטֶער וֶוערְן, דֶערְוַוייל אִיז גֶעשֶׁען פוּנְקְט פַארְקֶערְט.

דִי עֶרְשְׁטֶע פָּאר יָאר הָאבְּן מִיר פְּרוּבִּירְט צוּ גֵיין צוּ פְּסִיכָאלָאגְן; אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט קוֹיפְן אַ שֵׁיינֶע פָּאר קַארְס מִיט דִי גֶעלְט וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אוֹיסְגֶעגֶעבְּן פַאר דֶעם צְוֶועק. שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ זִיךְ נָאכְמֶער אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִינֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אוּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען קוּמֶען נָאר פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת, הָאבּ אִיךְ אַפָּאר יָאר גֶעאַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף קְדוּשָׁה, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה אוּן גֶעזָאגְט אַסַאךְ תְּפִילוֹת, אָבֶּער גָארְנִישְׁט הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט.

אִיךְ מוּז צוּלֵייגְן עֶטְלִיכֶע נְקוּדוֹת, קוֹדֶם כָּל אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, מִיר פַארבְּרֶענְגֶען, שְׁמוּעֶסְן אוּן לַאכְן אַסַאךְ צוּזַאמֶען; נָאר וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אַ נָארְמַאלֶע חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע לֶעבְּן פַארְשְׁטֵייט זִי נִישְׁט וָואס אִיךְ ווִיל, זִי הָאט מַמָּשׁ נִישְׁט קַיין שׁוּם גֶעבְּרוֹיךְ פַאר דֶעם אוּן זִי קוּקְט מִיר זֵייעֶר אַרָאפּ פַאר דֶעם. נָאךְ אֵיין נְקוּדָה אִיז, וָואס אַלֶע פְרֶעגְן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ, אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט אִיר גֶעטְשֶׁעפֶּעט אַלְס קִינְד, אוּן דֶער עֶנְטְפֶער אִיז בְּפֵירוּשׁ אַז נִישְׁט.

אַזוֹי אִיז אַרִיבֶּער אַסַאךְ יָארְן וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ בַּאשׁוּלְדִיגְט אַז אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג אִין אַלֶעס וֶועגְן מַיין חַטֹּאת נְעוּרִים אוּן אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין תְּשׁוּבָה, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט שְׁטַארְק אִין דֶעם אַז אִיךְ זָאל גָארְנִישְׁט דַארְפְן פוּן אִיר, אִיךְ זָאל נָאר זַיין אַ מַשְׁפִּיעַ, נָאר גֶעבְּן אוּן נִישְׁט וַוארְטְן צוּ בַּאקוּמֶען גָארְנִישְׁט אוֹיף צוּרִיק, אָבֶּער דֶערְוַוייל אַרְבֶּעט עֶס נִישְׁט פַאר מִיר אוּן אִיךְ פַאל אַ גַאנְצֶע צַייט דוּרְךְ אִין פְּגַם הַבְּרִית, אִיךְ ווִיל נִישְׁט אוּן אִיךְ שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט מֶער, אִיךְ פַאל אַ גַאנְצֶע צַייט אַרַיין אִין עֲבֵירוֹת.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל גֶעקוֹיפְט אַן אֶפֶּענֶעם סְמַארְטְפָאוֹן אוּן עֶס צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ דְרַאפֶּע זִיךְ נָאךְ אוּן נָאךְ, אִיךְ שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ ווֵייס אַז אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג אִין אַלֶעס, פַאר דֶעם אִיז זִי נִישְׁט כִּרְצוֹנִי, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן בַּיי כַּוָּנַת אֱלוּל (תּוֹרָה פז), אָבֶּער וָואס זָאל אִיךְ טוּן? טַאקֶע דֶערְפַאר וָואס זִי ווִיל נִישְׁט, בִּין אִיךְ אוּמְדִירֶעקְט מֶער פּוֹגֵם, נִישְׁט וַוייל אִיךְ ווִיל, אִיז אִיךְ בִּין סְטָאק! אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס! אִיךְ ווֵייס אַז זִיךְ גֶעטְ'ן אִיז נִישְׁט דֶער דֶערֶךְ אִין בְּרֶסְלֶב, בִּפְרַט בַּיים רֹאשׁ יְשִׁיבָה, וּבִפְרַט אַז עֶס אִיז דָא אַהֲבָה צְווִישְׁן אוּנְז.

אַזוֹי וַואלְגֶער אִיךְ זִיךְ פַאר יָארְן, אִיךְ פְּרוּבִּיר - אָבֶּער עֶס גֵייט נִישְׁט. אִיךְ הַאלְט שׁוֹין דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיק צַייט מַמָּשׁ עַל סַף הַיֵּאוּשׁ. אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ זָאגְן סְלִיחוֹת פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער וֶוען אִיךְ קוּם צוּם פָּסוּק "לְךָ ה' הַצְּדָקָה וְלָנוּ בֹּשֶׁת הַפָּנִים" וֶוער אִיךְ סְטָאק, הָאבּ אִיךְ דֶען אַמָּאל גֶעוָואלְט זִינְדִיגְן?! אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט הַדְרָכָה אַלְס קִינְד, אוּן אִיךְ לֶעבּ אַזוֹיפִיל יָארְן מִיט אַזַא ווַייבּ, וָואס ווִיל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן מִיר? עֶר מַאכְט אִיךְ זָאל זִינְדִיגְן, אִיךְ שְׁרֵיי אַ גַאנְצֶע צַייט אַז אִיךְ ווִיל נִישְׁט זִינְדִיגְן, אִיךְ גֵיי אִין מִקְוֶה אוּן אִיךְ זָאג תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, וָואס נָאךְ ווִיל מֶען פוּן מִיר? אַלֶעס הָאט אַ שִׁיעוּר!

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דָאס יָאר אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעבֶּעטְן נָאר אֵיין זַאךְ, אַז אִיךְ וִויל שׁוֹין שְׁטַארְבְּן! אִיךְ וִויל שׁוֹין נִישְׁט זַיין מֶער דָא! אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶענוּג גֶעלִיטְן! אִיךְ קֶען נִישְׁט זָאגְן סְלִיחוֹת, אִיךְ בִּין אַזוֹי מְיוּאָשׁ אוּן צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין שׁוּם עָתִיד פַאר מִיר, אִיךְ הָאבּ עֶרְנְסְטֶע נִסְיוֹנוֹת פוּן דוּרְכְפַאלְן מִיט נַשְׁגַ"ז, מַיין שֵׂכֶל אַרְבֶּעט שׁוֹין נִישְׁט, אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְלוֹירְן אוּן צֶעבְּרָאכְן, נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַלֶעס פְּרוּבִּירְט.

מַיין שְׁאֵלָה אִין קוּרְצְן אִיז, וָואס זָאל אִיךְ טוּן, אֶפְשָׁר אִין מַיין מַצָּב זָאל אִיךְ זִיךְ יָא גֶטְ'ן? אָבֶּער עֶס אִיז שׁוֹין דָא קִינְדֶער.

אַנְטְשׁוּלְדִיגְט מִיר אוֹיף דִי לַאנְגֶע שְׁאֵלָה, אָבֶּער לְתוֹעֶלֶת הַשְּׁאֵלָה הָאבּ אִיךְ גֶעמוּזְט מַאֲרִיךְ זַיין. אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן אוּן גֶעבְּן דִי רִיכְטִיגֶע הַדְרָכָה.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער עֶנְטְפֶער אִין קוּרְצְן אִיז: חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ גֶטְ'ן!

יֶעצְט אַבִּיסְל מֶער בַּאֲרִיכוּת, דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט גֶעבֶּעטְן בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אַז דוּ ווִילְסְט שְׁטַארְבְּן; אִיךְ ווִיל דִיר פְרֶעגְן, וָואס טְרַאכְסְטוּ, וֶוען מֶען שְׁטַארְבְּט אִיז גְרִינְגֶער? דוּ מֵיינְסְט אַז נָאכְן שְׁטַארְבְּן אִיז נִישְׁטָא קַיין דִין וְחֶשְׁבּוֹן? עֶרְשְׁט דֶעמָאלְט הֵייבְּן זִיךְ אָן דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען אָפְּגֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, מֶען נֶעמְט אַפִּיר אַלֶע מַעֲשִׂים, מֶען קֶען זִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס אוּן ווִיאַזוֹי עֶס וֶועט דֶעמָאלְט זַיין, אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "אַלֶעס קֶען אִיךְ אוֹיסְטְרַאכְטְן ווִיאַזוֹי עֶס גֵייט זַיין, אוֹיסֶער דֶער בָּרוּךְ הַבָּא אִין קֶבֶר, וֶוען מֶען וֶועט מִיר אַרַיינְלֵייגְן אִין דֶער עֶרְד - דָאס קֶען אִיךְ נִישְׁט אוֹיסְטְרַאכְטְן ווִיאַזוֹי עֶס וֶועט זַיין".

צוּרִיק צוּם שְׁאֵלָה, זִיךְ גֶטְ'ן וֶועט דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן; וָואס וֵוייסְטוּ וָואס וֶועט זַיין מִיט דִי צְוֵוייטֶע וַוייבּ וְכוּ'? אָפְּגֶערֶעדְט אַז דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן דִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט מוֹחֵל זַיין פַאר'ן צֶעשְׁטֶערְן זֵייעֶר לֶעבְּן. דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ פַּאר קִינְדֶער אִיז וֶוען דִי עֶלְטֶערְן גֶטְ'ן זִיךְ; קִינְדֶער פוּן גֶע'גֶט'ע שְׁטוּבֶּער וַואקְסְן אוֹיף אוּמְזִיכֶער, זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין וָואס מֶען קֶען נִישְׁט מַשִּׂיג זַיין, אוּן דוּ אַלֵיינְס אִיז אַ סָפֵק אוֹיבּ דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, אוּן בִּיז דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ וֶועסְטוּ זַיין פַארְוָואגְלְט, דוּ וֶועסְט זַיין נָע וָנָד, אוּן נָאכְדֶעם אִיז וַוייטֶער אַ סָפֵק סְפֵיקָא וָואס וֶועט זַיין מִיט דִי צְוֵוייטֶע וַוייבּ.

וָואס אִיז יָא דִי עֵצָה? דִי עֵצָה אִיז זָאלְסְט גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיט דַיין וַוייבּ אוּן בֶּעטְן פַאר אִיר זִי זָאל וֶועלְן לֶעבְּן כְּדֶרֶךְ כָּל הָאָרֶץ.

תְּפִלָּה אִיז אַזַא שְׁטַארְקֶע זַאךְ, עֶס טוּישְׁט דִי טֶבַע; תְּפִלָּה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק – עֶס דְרֵיידְט אַלֶעס אִיבֶּער, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ט, אוֹת ה): "תְּפִילָּה הוּא בְּחִינַת נִסִּים שֶׁהוּא אֵין דֶרֶךְ הַטֶּבַע", אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶעט מֶען נִיסִים פַארְקֶערְט פוּן דִי טֶבַע, "כִּי לִפְעָמִים הַטֶּבַע מְחַיֵּב אֵיזוֹ דָּבָר וְהַתְּפִילָּה מְהַפֶּכֶת אֶת הַטֶּבַע", אֲפִילוּ עֶס אִיז שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע קֶען מֶען זֶען נִיסִים דוּרְךְ תְּפִלָּה; וֶועסְטוּ זֶען וִוי אַלֶעס וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן בַּיי דִיר.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן אוֹיךְ אַסַאךְ חָכְמָה וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין שְׁטוּבּ; חַס וְשָׁלוֹם אִיר נִישְׁט מַאכְן פַאר אַ פְּרָאבְּלֶעם, נָאר אִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּנֶעם פְּרָאבְּלֶעם; אַז מֶען הָאט דִי דְרֵיי זַאכְן, מֶען הָאט סַבְלָנוּת, אַבִּיסְל שֵׂכֶל מִיט אַסַאךְ תְּפִלָּה – קֶען מֶען אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּם גוּטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**אַז דֶער מַאן וֶוערְט עֶרְלִיךְ, אִיז עֶס דִי קְרֶעדִיט פוּן דִי וַוייבּ**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דֶער אֱמֶת אִיז, דֶער קְרֶעדִיט אַז אַייעֶר מַאן הָאט זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין צוּרִיק גֶעכַאפְּט וְכוּ׳ וְכוּ׳ - קוּמְט אַייךְ, אוֹיף אַייךְ אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן (מִשְׁלֵי יד, א): ״חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ״, אַ קְלוּגֶע פְרוֹי בּוֹיט אוֹיף אִיר שְׁטוּבּ; אִיר הָאט גֶעהַאט סַבְלָנוּת, אִיר הָאט גֶעוַוארְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה, עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין אַייעֶר מַאן אַ רֵיינֶע גֵייסְט, עֶר זָאל זִיךְ צוּרִיק כַאפְּן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיר הָאט גֶעוַוארְט מִיט סַבְלָנוּת דִי לַאנְגֶע צַייט וֶוען עֶר הָאט גֶעהַאט זַיינֶע יְרִידוֹת; יֶעצְט אִיז עֶר אַזוֹי גוּט, אַזוֹי ווָאוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ - אִיז דָאס אַלֶעס אַייעֶר קְרֶעדִיט.

הַלְוַאי זָאלְן אַנְדֶערֶע פְרוֹיעֶן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן אַייךְ אוּן נִישְׁט אַוֶועקְלוֹיפְן אוּן צֶעבְּרֶעכְן זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע צַייט אוֹיף זֵיי, דֶער מַאן הָאט זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳.

זַייט שְׁטַארְק אוּן שְׁטַארְקְט וַוייטֶער אַייעֶר גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, וֶועט אִיר זֶען ווִי דֶער לֶעבְּן וֶועט וֶוערְן שֶׁענֶער אוּן שֶׁענֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער מִיט דַיין פְרִישְׁקֵייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ הֶערְן וִוי דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶה מִיטְ׳ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת אוּן חִיזוּק, הָאסְט גֶעהַאט דִי יָאר גָאר אַנְדֶערֶע יָמִים טוֹבִים; דַיינֶע קִינְדֶער זָאגְן דִיר: "טַאטִי, זַייט דוּ בִּיסְט צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אוּמַאן הֶערְסְטוּ נִישְׁט אוֹיף זָאגְן אַ גַאנְצְן צַייט 'יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער'", דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ הָאט אוֹיפְגֶעלֶעבְּט; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען וַוייטֶער זַיין שְׁטַארְק מִיט דִי וֶועג.

בְּנוֹגֵעַ נֶעמֶען דִי וַואקְסִין קֶעגְן קָארָאנֶע; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם נִישְׁט צוּ נֶעמֶען אוּן עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם יָא צוּ נֶעמֶען, דַארְפְּסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קוּם נִישְׁט אוֹיף אַמֶערִיקֶע פַאר פַּרְנָסָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּלַייבּ דָארְט, קוּם נִישְׁט אוֹיף אַמֶערִיקֶע פַאר פַּרְנָסָה, עֶס אִיז דָא בַּיי עֶנְק גֶענוּג פַּרְנָסָה; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע פַּרְנָסָה, אַ גְרִינְגֶע אוּן אֵיידֶעלֶע.

שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, פַארְשְׁפְּרֵייטְן אִיבֶּערָאל דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

כַאפּ אַרַיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ״י אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי וָואךְ, אוֹיךְ

לֶערְן אַסַאךְ מִשְׁנַיּוֹת; מִשְׁנָ"ה בַּאטְרֶעפְט פַּרְנָסָ"ה, דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט שָׁאטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

הֶער נִישְׁט אוֹיס דֶעם דָאקְטֶער, דֶער דָאקְטֶער קֶען נִישְׁט זָאגְן אַזַא זַאךְ, זִיךְ אָפְּטֵיילְן מַאן אוּן וַוייבּ וְכוּ'; אִיךְ זָאג דִיר עֶס וֶועט אִיר גָארְנִישְׁט שָׁאטְן, פַּארְקֶערְט, אַז אִיר וֶועט לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם וְכוּ' וְכוּ' - וֶועט זִי פוּן דֶעם וֶוערְן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִין זְכוּת וָואס אִיר טוּט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וֶועט אִיר זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ**

אִיךְ ווִיל אַייךְ וואוּנְטְשְׁן בְּעֵת שִׂמְחַתְכֶם אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ פִירְן אַייעֶר קִינְד אוּנְטֶער דִי חוּפָּה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת אוּן אִיר זָאלְט זֶען אַסַאךְ נַחַת פוּן דֶעם קִינְד אוּן פוּן אַלֶע אַייעֶרֶע קִינְדֶער, אִין זְכוּת וָואס אִיר בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם טוּעֶן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, ווִי אִיר זֶענְט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ טָאג אוּן נַאכְט אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי גִּלְיוֹנוֹת אוּן קוּנְטְרֵסִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן אִישׁ אֱמוּנוֹת, וָואס טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ פָּשׁוּט מְחַיֶּ' דֶערְמִיט, עֶס אִיז פַאר זֵיי ווִי לֶעבְּן; דִי בְּרִיווּ, דִי חִיזוּק - טְרָאגְט זֵיי וַוייטֶער פַאר נָאךְ אַ טָאג, זֵיי זָאלְן קֶענֶען פָּשׁוּט

אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן.

אוֹיךְ וואוּנְטְשׁ אִיךְ אַייךְ אַ מַזָּל טוֹב פַּאר אַייעֶר זוּן׳ס בַּר מִצְוָה; קַיין עַיִן הָרָע אַ לִיכְטִיג קִינְד. אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזֶען אִין אוּמַאן, עֶר אִיז מָלֵא חֵן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט אִינְאֵיינֶעם זֶען אַסַאךְ נַחַת פוּן אַלֶע קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן דִי בְּרֶען וָואס אִיר הָאט צוּ הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַלֶע זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָּצָה, וָואס דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען דִי גְּאוּלָה, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ, אָמֵן.

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטְן אִיד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, דֶער עִיקָר שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת אוּן יְסוּרִים אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תקנה): ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטְן אִיד״; אֵיינֶער וָואס הָאט שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת אוּן עֶר בְּלַייבְּט בַּיי דִי אֱמוּנָה, אַזַא אֵיינֶער הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ. מֶען דַארְף ווִיסְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן אִיד, אָבֶּער דֶער אִיד וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ - דֶער אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב.

מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מַיין טֵייעֶרֶער חָבֵר; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הָאבּ נִישְׁט קַיין תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. זִינְג אַ גַאנְצְן טָאג: ״כִּי טוֹב הַשֵּׁם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט״, טוֹב הַשֵּׁם לַכֹּל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו, זַיין רַחְמָנוּת אִיז אוֹיף אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן.

גְלֵייבּ מִיר, אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אִיבֶּער וָואס גֵייט אִיבֶּער, אוֹיף מִיר גֵייט אוֹיךְ אִיבֶּער; מִיט דֶעם אַלֶעם שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, אִיךְ שְׁטַארְק זִיךְ בִּיז אִיךְ וֶוער שְׁטַארְק; זָאלְסְטוּ אוֹיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

## דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט פַארְפַּאסְן אַ פִּינְטְל פוּן חֵדֶר

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן צוּ מַיין טַייעֶרְער ... וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ׳**

אִיר דַארְפְט נֶעמֶען אִין אַכְט אַז דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, אַ אִיד קֶען נִישְׁט וואוֹינֶען וואוּ אִימֶער אִין דִי וֶועלְט, מֶען קֶען נָאר וואוֹינֶען וואוּ עֶס אִיז דָא אַ חֵדֶר פַאר דִי קִינְדֶער. עֶלְטֶערְן וָואס ווִילְן מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער דַארְפְן לֵייגְן אַלֶע זֵייעֶרֶע עִנְיָנִים, אַלֶע זֵייעֶרֶע בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן אִין דֶער זַייט - אוּן טוּן אַלֶעס פַאר דִי הַצְלָחָה פוּן דִי קִינְדֶער.

דָאס וָואס אִיר טוּט, אֵיין טָאג וואוֹינְט אִיר אִין שְׁטֶעטְל, אֵיין טָאג אִין שְׁטָאט - אִיר פָארְט אוּן קוּמְט אוּן פָארְט, דָאס אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גוּט פַאר עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער. דִי קִינְדֶער דַארְפְן הָאבְּן אַ כִּתָּה, אַ מְלַמֵד, אַ סֵדֶר, זַיין מְיֻשָּׁב; אִיר קֶענְט דָאס נִישְׁט טוּן פַאר דִי קִינְדֶער.

עֶס אִיז מִיר אַ חִידוּשׁ אַז אִיר פַארְשְׁטֵייט דָאס נִישְׁט אַלֵיינְס, אִיר זֶענְט נִישְׁט קַיין נַארִישֶׁע מֶענְטְשְׁן, אִיר זֶענְט נָארְמַאלֶע מֶענְטְשְׁן; דָאךְ מַאכְט אִיר דָא עֶפֶּעס אַ טָעוּת, אַייעֶרֶע קִינְדֶער וֶועלְן אַייךְ נִישְׁט מוֹחֵל זַיין אוֹיף דֶעם, אָפְּגֶערֶעדְט אַז דָאס שְׁטֶערְט דִי מְלַמְדִים, דָאס שְׁטֶערְט דִי סְקוּל; אוּן וֶוען דֶער מְלַמֵד רֶעדְט צוּ דִיר זָאגְסְטוּ אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען פַאר אִים, דֶער מְלַמֵד זָאגְט מִיר לַאכֶעדִיג אַז דוּ גֵייסְט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פַאר אִים, כְּאִילוּ דוּ טוּסְט אַ טוֹבָה פַארְ׳ן מְלַמֵד; דוּ טוּסְט דִיר אַלֵיינְס אַ טוֹבָה.

מַאךְ אָפּ, אָדֶער שְׁטֶעטְל אָדֶער שְׁטָאט; גֶעעֶנְדִיגְט מִיטְ׳ן פָארְן אוּן קוּמֶען. אִיךְ, וֶוען אִיךְ גֵיי מִפַּעַם לְפַעַם אִין שְׁטֶעטְל, פָאר אִיךְ פְרַייטָאג נָאךְ חֵדֶר אוּן אִיךְ קוּם צוּרִיק מוֹצָאֵי שַׁבָּת אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט פַארְפַּאסְן אַ פִּינְטְל חֵדֶר.

...

## מ'שְׁרֵייט "לְכָבוֹד שַׁבָּת"

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָאָרְשְׁטֶעלְן דַיין זְכוּת וָואס וַוארְט דִיר אָפּ; טוֹיזְנְטֶער אִידְן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי נַייעֶ קוּנְטְרֵסִים "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", "אִישׁ אֱמוּנוֹת". וואוּ אִיךְ גֵיי אוּן וואוּ אִיךְ שְׁטֵיי זָאגְן מִיר אַלֶע אַז דִי בְּרִיוו אִיז זֵייעֶר אַזוֹי מְחַזֵּק, עֶס גֶעבְּט כֹּחַ אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן. צֶענְדְלִיגֶער מִשְׁפָּחוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ נֶעמֶען מֶער נִישְׁט אַרַיין קַיין צֵייטוּנְגֶען אוּן מַאגַאזִינֶען וָואס אִיז אֵיין שְׁטִיק גְרַף שֶׁל רֵעִי אִין שְׁטוּב - זַייט זֵיי לֵיינֶען דִי וֶועכֶנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵסִים.

אוֹיךְ דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַאר קִינְדֶער אִיז הֶערְלִיךְ שֵׁיין; מֶען דֶערְצֵיילְט דָאס פַאר דִי קִינְדֶער בַּיי דִי סְעוּדָה, אוֹיךְ דִי מְלַמְּדִים פוּן דִי יוּנְגֶע כִּיתּוֹת דֶערְצֵיילְן דָאס פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי מַאכְן גְרוֹיס דֶעם בִּילְד אוּן זֵיי דֶערְצֵיילְן דָאס, דִי קִינְדֶער וַוארְטְן אַזוֹי שְׁטַארְק אַ גַאנְצֶע וָואךְ פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע מַעֲשֶׂה.

דִי וָואךְ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ זָאלְסְטוּ לֵייגְן דִי פָאלְגֶענְדֶע מַעֲשֶׂה; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין מַעֲשֶׂה בְּעֶצֶם, עֶס אִיז אַ וָוארְט, אַ טֵייעֶר וָוארְט וָואס מוֹהֲרַא"שׁ בְּרֶענְגְט אִין זְמִירוֹת (זְמִירוֹת יִשְׂרָאֵל, כָּל מְקַדֵּשׁ) פוּן הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי שִׂמְחָה בּוּנָם מִפְּרְשִׁיסְחָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וִוי עֶר הָאט גֶעזָאגְט וִוי שְׁטַארְק עֶר אִיז מְקַנֵּא דֶעם פָּשׁוּטְ'ן קַצָּב אָדֶער פִישׁ סוֹחֵר וִוי עֶר שְׁטֵייט אַ גַאנְץ דָאנֶערְשְׁטָאג אוּן פְרַייטָאג אוּן זָאגְט פַאר אַלֶע קוֹנִים: "קוֹיפְט לְכָבוֹד שַׁבָּת"; צְוֵויי טֶעג אִין אֵיין צִי זָאגְן זֵיי נָאר: "שַׁבָּת! שַׁבָּת!" אוּן נָאכְדֶעם וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת וִוי זֵיי פַאלְן פוּן דִי כֹּחוֹת אוּן זֵיי רוּעֶן זִיךְ אָפּ אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן אַז מֶען קֶען רוּעֶן אַבִּיסְל, וִוי שְׁטַארְק דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער פְרֵיידְט זִיךְ.

אִיךְ שִׁיק דִיר דָאס אִין אַ מַעֲשֶׂה, וַוייל קִינְדֶער דַארְפְן עֶס אִין אַ פָּארְמַאט פוּן אַ מַעֲשֶׂה:

**"פִישׁ פַאר שַׁבָּת!!!" פֵיינֶע פִישׁ לְכָבוֹד שַׁבָּת!!!"**

דֶער פִישׁ סוֹחֵר שְׁטֵייט שׁוֹין צְוֵויי טֶעג אִין אַ צִי אִין פִישׁ סְטָאר, עֶר זֶעצְט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ, זַיינֶע פִיס טוּט אִים וֵויי, אָבֶער עֶר שְׁטֵייט אוּן שְׁרֵייט: "פִישׁ

פַאר שַׁבָּת! וֶוער וִויל קוֹיפְן פֵיינֶע פִישׁ לְכָבוֹד שַׁבָּת?" מֶענְטְשְׁן קוּמֶען און מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן און דֶער סוֹחֵר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף זָאגְן: "לְכָבוֹד שַׁבָּת! לְכָבוֹד שַׁבָּת!"

קִינְדֶער, דִי מַעֲשֶׂה הָאט מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי בּוּנָם פוּן פְּשִׁיסְחָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין מְקַנֵא דִי סוֹחֲרִים וָואס דֶערְמַאנֶען אַ גַאנְצֶע צַייט דִי הֵיילִיגֶע וָוארְט 'שַׁבָּת', זֵיי אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער בִּיז עֶס וֶוערְט דֶער זְמַן, און וֶוען עֶס וֶוערְט שַׁבָּת, וֶוען זֵיי קוּמֶען אַהֵיים און זֵיי עֶסְן דִי פֵיינֶע סְעוּדָה זָאגְן זֵיי 'שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר שַׁבָּת; אַז מִיר קֶענֶען זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּרוּעֶן, מִיר דַארְפְן נִישְׁט אַרְבֶּעטְן'; פוּן דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵייעֶר הֲנָאָה, וַוייל יֶעדֶע מָאל מֶען זָאגְט 'לְכָבוֹד שַׁבָּת' וֶוערְט אַ הֵיילִיגְקֵייט אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ"; דֶערִיבֶּער וֶועלְן מִיר אַלֶע קִינְדֶער גֶעדֶענְקֶען וֶוען מֶען עֶסְט דִי פֵיינֶע חַלָּה מִיט דִי פֵיינֶע פִישׁ, זוּפּ און פְלֵייש - גֵייעֶן מִיר אַלֶע זָאגְן הוֹיךְ: "לְכָבוֹד שַׁבָּת!"

קִינְדֶער, אוֹיבּ מֶען וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען גוּטֶע נַאשׁ וֶועט אִיר גֶעדֶענְקֶען צוּ זָאגְן: "לְכָבוֹד שַׁבָּת"? אַלֶע קִינְדֶער זָאגְן: "יָא! אַוַודַאי! מִיר גֵייעֶן זָאגְן 'לְכָבוֹד שַׁבָּת' אוֹיף יֶעדֶע נַאשׁ בַּאזוּנְדֶער".

"אוֹיבּ אַזוֹי", זָאגְט דִי טַאטֶע: "קֶען מֶען שׁוֹין אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי נַאשׁ!"

אַלֶע קִינְדֶער הֵייבְּן אָן זִינְגֶען: "שַׁבָּת, שַׁבָּת עֶסְט מֶען גוּטֶע נַאשׁ, שַׁבָּת שַׁבָּת לֵיי לְלֵי לְלֵי, שַׁבָּת אִיז שׁוֹין דָא!"

לֵייג אַ בִּילְד ווִי אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ הַאקְט פִישׁ און שְׁרֵייט שַׁבָּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַנְשְׁטָאט וָואטְסְעֶפּפּ, נֶעמְט אַ תְּהִלִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ט תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תְּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וָואס פַּאר אַ סָארְט שְׁטוּבּ אִיר ווילְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן; אִיר ווילְט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם דוֹרוֹת וָואס זֶעעֶן אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן ווִי אִידְן אָן קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם.

ווִי אֵיידֶער פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיר מֶעגְט הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן פְרֶעגְט אוֹיבּ אִיר דַארְפְט בִּכְלַל אַ טֶעלֶעפָאן, אֲפִילוּ אַ פָּשׁוּטְ'עֶ טֶעלֶעפָאן מִיט טֶעקְסְט קֶען שׁוֹין אוֹיךְ טוֹישְׁן דִי אִידִישֶׁע מַאמֶע פוּן זַיין אַ מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער.

קוּקְט אָן אַייעֶרֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער ווִי זֵיי פִירְן זִיךְ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; אוֹיבּ אִיר ווילְט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת - זָאלְט אִיר נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען אִין דִי הֶענְט דִי סָארְט כֵּלִים.

אַנְשְׁטָאט וָואטְסְעֶפּ נֶעמְט אַ תְּהִלִים אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת; עֶס אִיז אַזוֹי שְׁרֶעקֶעדִיג וָואס גֵייט פָאר אִין דִי וֶועלְט, ווִי פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע מִשְׁפָּחוֹת פַאלְן שְׁטִיקֶער. בֶּעטְס פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ, בֶּעטְס אַז בַּיי אַייעֶר שַׁבָּת טִישׁ זָאל מֶען נִישְׁט רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן גֵיין בִּצְנִיעוּת.

אִיר הָאט טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן קוּקְט דִי צַעַר וָואס זֵיי הָאבְּן פוּן דִי קִינְדֶער ווִי זֵיי פִירְן זִיךְ הַשֵּׁם יְרַחֵם; זֶעט מֶען ווִי שְׁטַארְק מֶען דַארְף בֶּעטְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אֵיידֶעלֶערְהֵייט גֵיין פוּן מֶענְטְשׁ צוּ מֶענְטְשׁ אוֹיסְטֵיילְן סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ט תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ מַאכְן דִי סָארְט זַאכְן פַאר הֲפָצָה; וָואס פֶעלְט אוֹיס זִיךְ צוּ רֵייצְן וְכוּ'? אוּנְזֶער וֶועג פוּן הֲפָצָה אִיז מִיַּד לְיַד בְּאוֹפֶן צָנוּעַ;

אֵיידֶעלֶערְהֵייט גֵיין פוּן מֶענְטְשׁ צוּ מֶענְטְשׁ אוֹיסְטֵיילְן סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים, גִלְיוֹנוֹת, סִידִים וְכַדוֹמֶה. שְׁטִילֶערְהֵייט לֵייגְן נָאךְ אוּן נָאךְ אַייעֶר; בִּיז דֶערְוַוייל וֶועלְן אַלֶע מֵיינֶען אַז דָאס זֶענֶען זֵייעֶרֶע חֲסִידִים, אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תרג) דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז דָא אַ פֵייגְל וָואס לֵייגְט זֵייעֶר אַסַאךְ אֵייעֶר, דִי פֵייגְל לֵייגְט אַזוֹיפִיל אֵייעֶר אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ פַאר דִי פֵייגְל זִי זָאל קֶענֶען זִיצְן אוֹיף אַלֶע אֵייעֶר אוֹיף אֵיינְמָאל אוּן גֶעבּוֹירְן פֵייגְלֶעךְ, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַריינְגֶעלֵייגְט אִינֶעם פֵייגְל אַ טֶבַע אַז זִי שְׁווינְדְלְט אַריין אֵייעֶר אִין אַנְדֶערֶע נֶעסְטְן. דִי פֵייגְל פוּן דִי אַנְדֶערֶע נֶעסְטְן כַאפְּן נִישְׁט, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט פוּן דִי שְׁפִּיל, זֵיי מֵיינֶען אַז דָאס זֶענֶען זֵייעֶרֶע אֵייעֶר, דִי פֵייגְל פוּן דִי אַנְדֶערֶע נֶעסְטְן זִיצְן אוֹיף דִי אֵייעֶר בִּיז עֶס וֶוערְן גֶעבּוֹירְן פֵייגְלֶעךְ, אַזוֹי טוּט דִי פֵייגְל מִיט אַסַאךְ נֶעסְטְן, אַלֶע פֵייגְלֶעךְ מֵיינֶען אַז דִי אֵייעֶר זֶענֶען זֵייעֶרֶע אֵייעֶר, בִּיז דִי פֵייגְל, דִי עֶכְטֶע מַאמֶע - גֶעבְּט אַ פַּייף, אוּן וֶוען דִי אַלֶע גֶעבּוֹירֶענֶע פֵייגְלֶעךְ הֶערְן דִי פַּייף הֵייבְּן זִיךְ אַלֶע אוֹיף פוּן זֵייעֶר נֶעסְט אוּן פְלִיעֶן מִיט דִי עֶכְטֶע מַאמֶע.

רֶבִּי נָתָן פִּירְט אוֹיס: "וְהַנִּמְשָׁל מוּבָן מְעַט לְמִי שֶׁיּוֹדֵעַ אֵיזֶה רֶמֶז מֵעִנְיַן גְּדֻלַּת עֵסֶק הַנְהָגַת שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עִם הָעוֹלָם", דִי נִמְשָׁל פַארְשְׁטֵייעֶן שׁוֹין דִי וָואס וֵוייסְן וִוי אַזוֹי דֶער רֶבִּי מַאכְט מִיט זַיינֶע מְקוֹרָבִים; דִי אַלֶע וָואס קוּמֶען צוּ לוֹיפְן פוּן אַנְדֶערֶע חֲסִידוּת'ן צוּם רֶבִּי'ן, דִי אַלֶע זֶענֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן, דִי בַּאלַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי שְׁטִילֶערְהֵייט צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זֵיי גֶעשְׁטַארְקְט, זֵיי פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט, דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן וואוּ זֵיי זֶענֶען גֶעלֶעגְן, וָואס נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט.

אִינְדְרוֹיסְן מֵיינְט מֶען אַז זֵיי בַּאלַאנְגֶען צוּ אַנְדֶערֶע פֵייגְלֶעךְ, צוּ דֶעם רֶבִּי'ן, צוּ דֶעם מְפֻרְסָם וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער בֶּאֱמֶת זֶענֶען זֵיי דֶעם רֶבִּינְ'ס אֵייעֶר, אוּן וֶוען דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אֵיין פַּייף, דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס, "אִישׁ לֹא יֵעָדֵר", קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן, - קוּמֶען אַלֶע קַיין אוּמַאן; אַלֶע לָאזְן אִיבֶּער זֵייעֶרֶע נֶעסְטְן אוּן קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואלְסְטוּ גֶעוִויסְט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי נִיגוּנִים, וָואלְסְטוּ אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן יֶעדֶעס יָאר אַפָּאר סִידִיס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַ שָׁאד עֶס שְׁלֶעפְּט זִיךְ אַזוֹי לַאנְג דָאס אַרוֹיסְגֶעבְּן נֵייעֶ סִידִיס, אַ שָׁאד; מֶען וָואלְט דָאךְ מִיט דִי נִיגוּנִים גֶעקֶענְט מְחַיֶּ׳ זַיין אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דָאס וָואס עֶס שְׁלֶעפְּט זִיךְ אַזוֹי לַאנְג אִיז נָאר וַוייל דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וִוי וִויכְטִיג דָאס אִיז, וָואלְסְטוּ גֶעוִויסְט וָואס דִי סִידִיס טוּעֶן אוֹיף - וָואלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעאַיילְט אוּן אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן יֶעדֶעס יָאר אַפָּאר סִידִיס.

אַדְרַבָּה, פְרֶעג זִיךְ נָאךְ בַּיי דִי פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים וִויפִיל פוּן זֵיי זֶענֶען מְקוֹרָב גֶעוָוארְן דוּרְכ׳ן הֶערְן אַ נִיגוּן גֶעזִינְגֶען פוּן אֱמוּנָה, אַ נִיגוּן, אַ הַארְצִיגֶע נִיגוּן - פוּן תְּשׁוּבָה, פוּן הִתְבּוֹדְדוּת.

אִיךְ פוּן מַיין זַייט בִּין גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן וֶוען דוּ ווילְסְט, לָאז מִיר וִויסְן אַ טָאג פָּארְאוֹיס כְּדֵי אִיךְ זָאל קֶענֶען מַאכְן מַיינֶע פְּלֶענֶער.

...

## מַאךְ אַ פְּלַאן וָואס דוּ ווילְסְט טוּן דֶעם זְמַן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן וָואס אִיז דַיין פְּלַאן פַאר׳ן קוּמֶענְדִיגְן זְמַן, קוּמְסְט

אִין יְשִׁיבָה אָדֶער דוּ גֵייסְט אַרְבֶּעטְן? וַוייל אִיךְ בִּין נִישְׁט מַסְכִּים דוּ זָאלְסְט זִיצְן דֶעם זְמַן אִין שְׁטֶעטְל אוּן גָארְנִישְׁט טוּן; שְׁטֶעטְל אִיז נִישְׁט קַיין עִיר מִקְלָט, אוּיבּ דוּ קוּמְסְט מִיט אַ פְּלַאן וָואס דוּ גֵייסְט טוּן - אִיז גוּט, אָבֶּער סְתַּם זַיין אִין שְׁטֶעטְל אוּן גֵיין לֵיידִיג - בִּין אִיךְ נִישְׁט מַסְכִּים.

הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז דוּ הָאסְט אִים גֶעפְרֶעגְט אוּיבּ דוּ קֶענְסְט שְׁלָאפְן בַּיי אִים; אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז אִיךְ וִויל הֶערְן פוּן דִיר וָואס דַיין פְּלַאן אִיז.

שְׁטַארְק זִיךְ בְּלִימוּד מִשְׁנַיוֹת, פַארְפֶעל נִישְׁט קַיין אֵיין טָאג פוּן ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; מִשְׁנַיוֹת לַייטֶערְט אוּיס דֶעם מֶענְטְשׁ, מִשְׁנַיוֹת וַואשְׁט אָפּ אַלֶע פְלֶעקְן, מִשְׁנַיוֹת הֵיילְט אוּיס, עֶס נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע סָארְט נֶערְוֶוען, שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, דִמְיוֹנוֹת, חֶזְיוֹנוֹת וְכוּ'.

...

## נִישְׁט חוֹזֵק מַאכְן, שְׁפֶּעטְן אוּן לַאכְן פוּן מֶענְטְשְׁן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נֹחַ, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה פוּן דִיר, דוּ דַאוֶוענְסְט עֶרְנְסְט אוּן דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג.

אֵיין זַאךְ דַארְפְסְטוּ פַארְרֶעכְטְן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי קַטְנוּת הַדַעַת, פוּן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט צוּ מֶענְטְשְׁן, אַ וֶועג פוּן שְׁפֶּעטְן, אַ וֶועג פוּן לַאכְן. בְּעֶצֶם לַאכְן אִיז זֵייעֶר גוּט אוּן זֵייעֶר וִויכְטִיג, אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז אוּיף יֶענֶעמְ'ס חֶשְׁבּוֹן אִיז דָאס עֶקֶלְדִיג אוּן גְרוֹילִיג.

אִיךְ זָאג דִיר דֶעם אֱמֶת, אִיךְ וִויל דִיר זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל גֶעבְּן אַ גוּטֶע גֶעפִּיל, אַ שְׁמֵייכְל, אַ גוּט וָוארְט; אוּן וֶוען אִיךְ קוּם נָאנְט צוּ דִיר אוּן אִיךְ הֶער וִוי דוּ רֶעדְסְט, אַלֶעס אִיז אֵיין שְׁטִיק חוֹזֵק, אֵיין שְׁטִיק שְׁפֶּעטְן, נָאכְמַאכְן מֶענְטְשְׁן אָדֶער שְׁפֶּעטְן - וֶוער אִיךְ אַזוֹי פַארְעֶקֶלְט אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט שְׁמֵייכְלֶען

און גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, וַוייל בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין אֶחָד בְּפֶּה וְאֶחָד בְּלֵב, אוֹיבּ אִין הַארְץ בִּין אִיךְ נִישְׁט צוּפְרִידְן קֶען אִיךְ זִיךְ נִישְׁט מַאכְן.

אַ שָׁאד פַאר דִיר, אַ שָׁאד דִי צֶעדְרֵייטֶע וֶועג וָואס דוּ גֵייסְט. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי וֶוערְטֶער:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּ אַלֶעמֶען אוֹיף אַ גוּטֶע וֶועג, בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר וְהָרָצוּי לְפָנֶיךָ, נִישְׁט אַ וֶועג פוּן חוֹזֶק, שְׁפֶּעטְן און לַאכְן; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער".

אַזוֹי זָאלְסְט בֶּעטְן טָאג נָאךְ טָאג.

...

## עֶס אִיז כְּדַאי אוֹיסְצוּוַוארְטְן דִי יְשׁוּעָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נֹחַ, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, וַוארְט אוֹיס אוֹיף דַיין יְשׁוּעָה, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט; בְּלַייבּ שְׁטַארְק מִיט דַיין אִידִישְׁקֵייט, מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, מִיט דַיין אֱמוּנָה און מִצְוֹת.

נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ אַ חָתָן וֶוערְן, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַן אָדָם הַשָּׁלֵם, עֶס אִיז כְּדַאי צוּ וַוארְטְן, עֶס וֶועט דִיר זַיין אַזוֹי גוּט און זִיס; וַוייל וִויסְן זָאלְסְטוּ, נָאר מִיט אֱמוּנָה הָאט מֶען אַ גוּט לֶעבְּן, נָאר מִיט דִי תּוֹרָה הָאט מֶען אַ זִיס לֶעבְּן. דֶער רֶבִּי זָאגְט זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נג): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱמוּנָה - חַיָּיו חַיִּים", וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה, זַיין לֶעבְּן אִיז אַ לֶעבְּן; אַלֶעס אִיז גוּט, אַלֶעס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק, מֶען שְׁפִּירְט שׁוֹין דָא בָּזֶה הָעוֹלָם אַ טַעַם גַּן עֵדֶן.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן פַאר שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ, דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן, גָארְנִישְׁט אָפְּלָאזְן פוּן דַיינֶע גוּטֶע זַאכְן, פוּן דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## עֶס אִיז דָאךְ אַזוֹי גֶעשְׁמַאק אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פְּרִי פַארְטָאגְס לֶערְנֶען

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער זוּן הָרַב ר׳ ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר נָאךְ דִיר אוּן נָאךְ דַיין מִשְׁפָּחָה, אִיךְ הָאף אַז אַלֶעס אִיז גוּט, אִיךְ הָאף אִיר הָאט הַנָאָה צוּ וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל.

דָאס מֶערְסְטֶע בֶּענְק אִיךְ זִיךְ וֶוען אִיךְ פְלֶעג אַרַיינְקוּקְן אַפָּאר מָאל אַ טָאג אִין כּוֹלֵל זֶען ווִי דוּ לֶערְנְסְט בְּהַתְמָדָה, יֶעצְט זֶע אִיךְ דָאס נִישְׁט, דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן כָּאטְשִׁיג אֵיין מָאל אַ וָואךְ דַיינֶע שִׁיעוּרִים, דַיינֶע חַבְרוּתוֹת אוּן וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף. הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי, עֶס אִיז דָאךְ אַזַא גֶעשְׁמַאקְקֵייט אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פְּרִי פַארְטָאגְס לֶערְנֶען אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין.

הַיינְט צוּ טָאגְס אִיז מַיין סֵדֶר אַ פַארְדְרֵייטֶע, אִיךְ בִּין אָנְגֶעהָאנְגֶען אוֹיפְ׳ן רַבִּים, מֶענְטְשְׁן קוּמֶען מִבּוֹקֶר עַד הָעֶרֶב, קוּמְט אוֹיס אַז אִיךְ גֵיי שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט, אָבֶּער בִּתְחִלַּת הִתְקַרְבוּתִי וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, שְׁנַת תשס״ד, פְלֶעג אִיךְ זִיךְ לֵייגְן גָאר פְּרִי; פְּרֶעג מַאמִי תִּחְיֶ׳, זִי וֶועט דִיר דֶערְצֵיילְן וֶוען אִיךְ פְלֶעג אוֹיפְשְׁטֵיין לֶערְנֶען מִיט חַבְרוּתוֹת פוּן דְרֵיי אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס, עֶס אִיז שְׁטִיל אוּן רוּאִיג, "הַיּוֹשֶׁבֶת בַּגַּנִּים חֲבֵרִים מַקְשִׁיבִים לְקוֹלֵךְ" (שִׁיר הַשִּׁירִים ח, יג), דֶעמָאלְט זִיצְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל אִין גַן עֵדֶן מִיט אַלֶע צַדִיקִים אוּן לֶערְנְט מִיט זֵיי תּוֹרָה (זוֹהַר וַיְחִי, רלא ע״ב, וְעוֹד); וואוֹיל אִיז דִי וָואס נוּצְן אוֹיס דִי נֶעכְט מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה.

...

## אַלֶע וָואס טוּעֶן פַארְ'ן רֶבִּי'ן, הָאבְּן אַסַאךְ חֲלִישׁוּת הַדַעַת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת נֹחַ, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַזוֹי גֵייט עֶס בַּיי אַלֶע וָואס טוּעֶן פַארְ'ן רֶבִּי'ן, מֶען בַּאקוּמְט אַזוֹיפִיל חֲלִישׁוּת הַדַעַת, מֶען וֶוערְט אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, יֶעדֶעס מָאל הָאט מֶען אַנְדֶערֶע בִּלְבּוּלִים; וַוייל וֶוען מֶען טוּט פַארְ'ן רֶבִּי'ן קוּמְט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן הַאלְט נִישְׁט אוֹיס, עֶר וִויל צֶעהַאקְן דֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, טַאנְץ אִיבֶּער אַלֶע שְׁוַוארְצֶע שְׁוֶועריקַייטְן, בְּלַייבּ גֶעטְרַיי דֶעם רֶבִּי'ן. נֶעם אַרַיין אִין דִיר 'אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעם, אִיךְ וִויל נִישְׁט קֵיינֶעם, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיינֶעם; אִיךְ דִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בִּין גֶעטְרַיי דֶעם רֶבִּי'ן'; אוּן אַז דוּ וֶוערְסְט בַּאלֵיידִיגְט, אַנְטוֹישְׁט, וֵויי גֶעטוּן – זָאלְסְטוּ דָאס נֶעמֶען פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת.

אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְסְט מִיר. פַארְשְׁטֵיי אַלֵיינְס, אוֹיבּ הָאסְטוּ חֲלִישׁוּת הַדַעַת, וִויפִיל חֲלִישׁוּת הַדַעַת הָאבּ אִיךְ; קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער, אִיךְ וַוייז עֶס נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם, אָבֶּער מֶעגְסְט מִיר גְלֵייבְּן, אִיךְ בִּין גוּט צֶעבְּרָאכְן, אָבֶּער דָאס שְׁוַואכְט מִיר נִישְׁט אָפּ פוּן וַוייטֶער גֵיין אוּן וַוייטֶער מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן.

שְׁטַארְק זִיךְ, אוּן יֶעדֶעס מָאל דוּ הָאסְט אַ חֲלִישׁוּת הַדַעַת זָאלְסְט אָפְּמַאכְן אַז דוּ גֵייסְט נָאךְ מֶער טוּן פַארְ'ן רֶבִּי'ן.

אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ בֶּעט שְׁטֶענְדִיג פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה.

...

## הַאלְט אָן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן דַאוֶוענֶען אוּן זִינְגֶען זְמִירוֹת מִיט דִי קִינְדֶער

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר הַאלְטְן שׁוֹין אַ חוֹדֶשׁ נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן אִיךְ בִּין נָאכְאַלְץ אִין דִי לוּפְטְן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אִיךְ ווִיל דִיר נָאכְאַמָאל בַּאדַאנְקֶען פַארְ׳ן אַזוֹיפִיל אַוֶועק גֶעבְּן פַאר אוּנְזֶער קִיבּוּץ, זִיךְ אַזוֹיפִיל גֶעפָּארֶעט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער, אַלֶע זָאלְן זַיין צוּפְרִידְן. אִיךְ ווִאוּנְטְשׁ דִיר דִי בְּרָכָה וָואס דֶער מַלְאָךְ טוֹב ווִאוּנְטְשְׁט יֶעדְן שַׁבָּת וֶוען עֶר זֶעט דִי שֵׁיינֶע שַׁבָּת׳דִיגֶע שְׁטוּב (שַׁבָּת קיט:): ״לְשַׁבָּת הַבָּאָה כֵּן״; ווִאוּנְטְשׁ אִיךְ דִיר: ״לְשָׁנָה הַבָּאָה כֵּן״, מִיר זָאלְן וַוייטֶער הָאבְּן דִי זְכִיָ׳ צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן.

יֶעדֶע וָואךְ בַּיי שַׁלֹשׁ סְעוּדוֹת ווִיל אִיךְ צוּגֵיין צוּ דִיר אוּן דִיר זָאגְן: ״אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶיךָ״ – אַז דוּ גֶעבְּסְט אַוֶועק דַיין בַּאקְוֶועמֶע צַייט פוּן זִיצְן אוּן זִיךְ אָפְּרוּעֶן, אַזוֹי ווִי אַלֶע טוּעֶן; דוּ גֶעבְּסְט זִיךְ אַוֶועק פַאר דִי קִינְדֶער, דוּ זִינְגְסְט מִיט זֵיי דִי זְמִירוֹת אַזוֹי שֵׁיין, דוּ גֶעבְּסְט אַכְטוּנְג אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן זִיצְן מִיט דִיר, זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין אִינְדְרוֹיסְן אָן קַיין אַחְרָיוּת. אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ זֵייעֶר רוּאִיג אַז מַיינֶע קִינְדֶער זִיצְן מִיט דִיר אַ גַאנְץ שַׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, יֶעדֶע וָואךְ ווִיל אִיךְ דִיר זָאגְן: ״אַשְׁרֶיךָ!״ אִיךְ זָאג דִיר יֶעצְט: ״וואוֹיל אִיז דִיר, וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק!״

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הַאלְט אָן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דַאוֶוענֶען מִיט זֵיי, זִינְג מִיט זֵיי זְמִירוֹת. דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס דוּ טוּסְט אוֹיף, אִיךְ הָאב בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן אַ מַאמֶע, זִי זָאגְט אַז נָאךְ קֶעמְפּ, פוּן וֶוען אִירֶע קִינְדֶער זֶענֶען אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן דִיר אִיז דֶער שַׁבָּת אַן אַנְדֶערֶע שַׁבָּת, זֵיי זִינְגֶען אַזוֹי שֵׁיין; דָאס אִיז דַיין קְרֶעדִיט.

...

## קְלוּגֶע פְרוֹיעֶן בּוֹיעֶן אוֹיף זֵייעֶר שְׁטוּב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב
לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ...**

וויסְן זָאלְט אִיר, אוֹיבּ מֶען שְׁטוּפְּט אָפּ, מֶען וִויל נִישְׁט גֵיין וְכוּ׳ - אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, מֶען בַּאקוּמְט פַאר דֶעם אַ גְרוֹיסֶער עוֹנֶשׁ.

מֶען קֶען נִישְׁט סְטְרַאשֶׁען דֶעם מַאן מִיט דִי זַאךְ; אוֹיבּ אִיר זֶענְט פַארְוֵוייטָאגְט, אִיר ווִילְט אִים אָפְּטוּן - קֶענְט אִיר נִישְׁט אָפְּשְׁטוּפְּן וְכוּ׳. אוֹיךְ אִיז דָאס נִישְׁט קַיין קְלוּגֶע זַאךְ, וַוייל דָאס רֶעגְט נָאר מֶער אוֹיף דֶעם מַאן אוּן עֶס וַוארְפְּט אִים אַרָאפּ אִין נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן; אַזוֹי פּוֹעֶלְ׳ט מֶען נִישְׁט.

אַייעֶר מַאן אִיז זֵייעֶר אַ וואוֹילֶער מֶענְטְשׁ, אֵיין שְׁטִיק גוּטְס, עֶס קוּמְט אִים נִישְׁט צוּ סְטְרַאשֶׁען; עֶר אִיז גוּט, עֶר וִויל זַיין גוּט אוּן עֶר וֶועט נָאךְ וֶוערְן בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער; מִיט סְטְרַאשֶׁען נִישְׁט צוּ גֵיין וְכוּ׳ - דָאס מַאכְט נָאר עֶרְגֶער.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט נִישְׁט וֶוערְן בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר אוּן זָאגְן אַז אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַייךְ נִישְׁט, אָדֶער זָאגְן אַז אִיךְ נֶעם זִיךְ אָן פַאר אַייעֶר מַאן וְכוּ׳; נֵיין, נֵיין, בִּכְלַל נִישְׁט! קוֹדֶם כָּל, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַייךְ זֵייעֶר גוּט, אִיךְ וֵוייס פּוּנְקְטְלִיךְ וִויפִיל אִיר לַיידְט, אִיךְ וֵוייס גָאר גוּט אַייעֶר וֵוייטָאג, אָבֶער אִיךְ וֵוייס אוֹיךְ וִויפִיל אַייעֶר מַאן לַיידְט, עֶר אִיז נָאךְ מֶער רַחְמָנוּת ווִי אַייךְ; עֶר ווִיל זַיין גוּט, עֶר הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן. עֶס אִיז נִישְׁט עֶר, עֶר אִיז טֵייעֶר, עֶרְלִיךְ, עֶר אִיז זֵייעֶר וואוֹיל, יֶעדֶעס מָאל עֶר פַאלְט אַרָאפּ וֶוערְט עֶר אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אַז עֶר קֶען קוֹים תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים אוּן אִיר הַאלְט זִיךְ צוּרִיק פוּן גֵיין וְכוּ׳ וַוייל אִיר ווִילְט אִים שְׁטֶעלְן אִין פְּלַאץ - וֶוערְט עֶר פוּן דֶעם אַזוֹי צֶעקְלַאפְּט, דָאס הַרְגֶ׳עט אִים.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, זַייט פוּן דִי פְרוֹיעֶן וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט אוֹיף זֵיי (מִשְׁלֵי יד, א): "חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ", קְלוּגֶע פְרוֹיעֶן בּוֹיעֶן זֵייעֶר שְׁטוּב; אוֹיבּ אַלֶעס קְלַאפְּט, אַלֶעס גֵייט ווִי אַזוֹי מֶען ווִיל אוּן מֶען בּוֹיט דִי שְׁטוּב - פַארְדֶעם אִיז מֶען נָאכְנִישְׁט אַ 'חָכְמָה', מֶען דַארְף נָאר נִישְׁט זַיין אַ נַארִישֶׁע צוּ בּוֹיעֶן דִי

שְׁטוּב, אָבֶער וֶוען זַאכְן גֵייעֶן פַארְקֶערְט ווִי אַזוֹי מֶען ווִיל, מֶען לַיידְט פוּנֶעם מַאן וְכוּ׳, דָאךְ בּוֹיט מֶען וַוייטֶער דִי שְׁטוּב מִיט שִׂמְחָה, אַזַא פְרוֹי אִיז פוּן דִי פְרוֹיעֶן וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט: "חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ".

...

## אִיךְ פְרֵייעֶ זִיךְ צוּ הֶערְן וָואס טוּט זִיךְ אִין סְקוּל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַלֶע פְּרָטִים פוּן סְקוּל, אִיךְ ווִיל זֵייעֶר אִיר זָאלְט מִיר וַוייטֶער שְׁרַייבְּן יֶעדֶע פְּרַט וּפְרַט.

בְּנוֹגֵעַ לֵייגְן אַ שְׁלָאס אִינֶעוֵוייְנִיג פוּן דִי קְלַאס, אַז דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט אַרוֹיסְלוֹיפְן; דָאס דַארְף מֶען פְרֶעגְן הָאבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר אוֹיבּ דָאס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן עַל פִּי חֹק, אוֹיבּ דָאס אִיז נִישְׁט קַיין סַכָּנָה.

בְּנוֹגֵעַ דִי עֶלְטֶערְן וָואס רוּפְן בֶּעטְן רְשׁוּת, זֵייעֶרֶע קִינְדֶער דַארְפְן גֵיין עֶרְלֶעדִיגְן זַאכְן אִין דִי צַייט פוּן סְקוּל; זָאלְט אִיר זֵיי בֶּעטְן אַז אוֹיף קוּמֶענְדִיגֶע מָאל זָאלְן זֵיי זִיכֶער מַאכְן צוּ עֶרְלֶעדִיגְן אַלֶע זַאכְן אִין דִי טֶעג וָואס אִיז נִישְׁטָא קַיין סְקוּל, פְרַייטָאג אָדֶער זוּנְטָאג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט חָרוּב מַאכְן דִי חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דַיין קִינְד קוּמְט אַהֵיים מִיט טַעֲנוֹת אוֹיף זַיין מְלַמֵּד אָדֶער טִיטְשֶׁער,

זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט צוּ פַאְרְלִירְן אוּן חָרוּב מַאכְן דִי חִינוּךְ פוּן דַיין קִינְד דוּרְכ'ן אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם קִינְד אָדֶער אִין זַיין גֶעגְנְוַואַרְט קֶעגְן דִי חֵדֶר אוּן סְקוּל; פַאר'ן קִינְד זָאלְסְטוּ זָאגְן: "אִיךְ גֵיי רוּפְן דַיין מְלַמֵד אָדֶער טִיטְשֶׁער", אוּן אִים זָאגְן אַז מֶען מוּז הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען מוּז זַיין וואוֹיל.

אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ הַארְץ עֶסֶענִישׁ וֶוען מַיין קִינְד קוּמְט מִיר זָאגְן אַז מֶען הָאט אִים נִישְׁט מִיט גֶענוּמֶען צוּם טְרִיפּ, אָדֶער מֶען הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט פוּן כִּתָּה וְכַדוֹמֶה; אִיךְ דַארְף זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן נִישְׁט צוּ וֶוערְן פַארְלוֹירְן אוּן רֶעדְן קֶעגְן דֶעם מְלַמֵד אָדֶער טִיטְשֶׁער.

יֶעדֶעס מָאל עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס אַ גֶערַאטְשְׁקֶע זָאג אִיךְ פַאר מַיינֶע קִינְדֶער אֵיין זַאךְ: "מֶען מוּז זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג!" אֲפִילוּ אִיךְ דַארְף זִיךְ בַּייסְן מַיינֶע לִיפְּן נִישְׁט צוּ זָאגְן וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ זָאגְן וְכוּ'; אֵיין זַאךְ גֶעדֶענְק אִיךְ: 'נִישְׁט חָרוּב מַאכְן דִי חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער'.

קֶענְסְט רוּפְן פְרֶעגְן דֶעם מְלַמֵד וָואס גֵייט פָאר, קֶענְסְט זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְן; נִישְׁט נָאר קֶענְסְט זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְן נָאר דוּ זָאלְסְט זִיךְ כְּסֵדֶר אִינְטֶערֶעסִירְן אוּן זֶען אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט דִי מוֹסְדוֹת, אִיךְ קֶען זִיךְ שׁוֹין אַבִּיסְל אָפְּרוּעֶן; יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ אַרְבֶּעט, יֶעדֶע זְמַן פְרִישֶׁע אַרְבֶּעט אַיינְצוּשְׁטֶעלְן דֶרֶךְ אֶרֶץ בַּיי דִי קִינְדֶער אוּן בַּיי דִי מֵיידְלֶעךְ, אִיךְ אַרְבֶּעט בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעשְׁמַאק שְׁוֶוער.

הַיינְט וֶועט זַיין דִי שִׁיעוּר; דִי שִׁיעוּר אִיז נִישְׁט פַאר בָּחוּרִים, נָאר פַאר אַבְרֵכִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אָפְּוואַרְטְן דִי קִינְדֶער צוּפְרִי אוּן בַּיינַאכְט, זֵיי גֶעבְּן וואַרֶעמְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דָאס וָואס אִיר פְּרֶעגְט, אַייעֶר טָאכְטֶער זָאגְט אַייךְ: ״נָאר מַאמִי וַוארְט מִיט מִיר אִינְדְרוֹיסְן צוּפְרִי אוּן נָאכְמִיטָאג״, אִיר וִוילְט וִויסְן וָואס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיר זָאלְט טוּן.

אַוַדַאי אִיז דָאס דִי וֶועג, אָפְּצוּוואַרְטְן דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי גֶעבְּן דָאס מֶערְסְטֶע וָואס מֶען קֶען נָאר. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יז.): ״אֲמַר לֵיהּ רַב לְרַבִּי חִיָּא, נָשִׁים בְּמַאי זָכְיָן״, וָואס אִיז דִי שְׂכַר פַאר פְרוֹיעֶן? פְרוֹיעֶן לֶערְנֶען דָאךְ נִישְׁט קַיין תּוֹרָה?! זָאגְט דִי גְמָרָא, בִּשְׂכַר וָואס זֵיי שִׁיקְן דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען אוּן וַוארְטְן אָפּ דִי קִינְדֶער.

מֶען קֶען נִישְׁט דַן זַיין אַנְדֶערֶע מַאמֶעס; עֶס זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֶענֶען זֵייעֶר פַארְפְלָאגְט, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ וַוארְטְן אִינְדְרוֹיסְן צוּפְרִי אוּן נָאכְמִיטָאג, אָבֶער אַז אִיר הָאט דִי כֹּחַ אוּן צַייט - אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ וִוי אָפְּווארְטְן דִי קִינְדֶער צוּפְרִי אוּן בַּיינַאכְט, זֵיי גֶעבְּן דִי גַאנְצֶע וַוארֶעמְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר יֶעדֶעס מָאל אִיר שְׁרַייבְּט מִיר אַז אִיר זָאגְט תְּהִלִּים אוּן אַז אִיר הָאט נָאכְאַמָאל גֶעמַאכְט אַ סִיּוּם אוֹיף תְּהִלִּים; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּהִלִּים, אַלֶע יְשׁוּעוֹת לִיגְן אִין תְּהִלִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער, אָבֶער אוֹיךְ נִישְׁט זִיצְן אוּן גָארְנִישְׁט טוּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נֹחַ, ב׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר בֶּעט אַז אִיר ווילְט זַיין קְלָאר וָואס אִיר הָאט צוּ טוּן; פוּן אֵיין זַייט זָאגְט אַייעֶר דָאקְטֶער אִיר זָאלְט זִיךְ אָפְּרוּעֶן דִי חֲדָשִׁים אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאט אִיר גֶעהֶערְט בַּיי דִי שִׁיעוּר אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גֶעשֶׁעפְט זִיךְ נָאכְצוּלָאזְן, קְרֶעכְצְן אוּן זָאגְן: ״אִיךְ בִּין אַ פַּאצִיעֶנְט״, נָאר מֶען דַארְף טוּן דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט, נִישְׁט קְרֶעכְצְן טָאג אוּן נַאכְט אוּן זִיךְ מַאכְן פַּאר אַ פַּאצִיעֶנְט; אִיר ווילְט ווִיסְן וָואס צוּ טוּן.

דֶער דָאקְטֶער מֵיינְט צוּ זָאגְן אִיר זָאלְט נִישְׁט טוּן קַיין שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, נִישְׁט לִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד וַואשְׁן דִי פְלָארְס, נִישְׁט שְׁלֶעפְּן זַאכְן אוּן אוֹיפְהֵייבְּן שְׁוֶוערֶע זַאכְן; אָבֶער דָאס מֵיינְט נִישְׁט אִיר זָאלְט בְּלַייבְּן אִין בֶּעט אָדֶער אוֹיפְ'ן קַאוּטְשׁ אוּן גָארְנִישְׁט טוּן נָאר קְרֶעכְצְן אוּן וֵויינֶען ׳אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ נִישְׁט גוּט׳; דָאס וָואס מֶען לָאזְט זִיךְ נָאךְ - דָאס אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ, אִיר קֶענְט אוּן אִיר זָאלְט צוּשְׁטֶעלְן נַאכְטְמָאל פַּאר אַייעֶר מַאן אוּן קִינְדֶער אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ וֶועל רֶעדְן צוּ אַייעֶר מַאן אוּן אִים אוֹיסְקְלָארְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ד' מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זַייט מִתְפַּלֵל פַאר אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶערֶעדְט מִיט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וֶועגְן אַ שִׁידוּךְ פַאר אַייךְ, אִיךְ זוּךְ פַאר אַייךְ אַ גוּטֶער בָּחוּר מִיט גוּטֶע מִידוֹת אוּן אַ יְרֵא שָׁמַיִם.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶרֶע טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען דַארְף קוּקְן וואוּ דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ד' מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זַייט מִיר מוֹחֵל, אִיךְ וֶועל אַייךְ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וָואס צוּ טוּן; וִוי קֶען מֶען זָאגְן אַ צְוֵויטְן וָואס צוּ טוּן אוּן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן? זִיכֶער נִישְׁט וואוּ מֶען זָאל וואוֹינֶען.

מֵיינְט נִישְׁט אַז אִיךְ שְׁטוּפּ אַייךְ אַוֶועק, אַז מִיר ווִילְן נִישְׁט הָאבְּן אַייעֶר מִשְׁפָּחָה בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעטְל; אַדְּרַבָּה, מִיר וֶועלְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אַייעֶר מִשְׁפָּחָה וֶועט קוּמֶען וואוֹינֶען בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעטְל, עֶס אִיז פַאר אוּנְז אַ זְכִיָה צוּ הָאבְּן אַזֶעלְכֶע בַּאזֶעסֶענֶע עֶרְלִיכֶע מִשְׁפָּחוֹת וִוי אַייעֶר מִשְׁפָּחָה, אָבֶער מִיר קֶענֶען דָאס נִישְׁט זָאגְן צוּ טוּן; דָאס דַארְפְט אִיר - אִינְאֵיינֶעם מִיט אַייעֶר מַאן - אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיבּ אִיר זָאלְט זִיךְ אַרִיבֶּערְצִיעֶן פוּן אַייעֶר מְדִינָה אוּן קוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע, קַיין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב.

וָואס מֵיינְט אִיר, וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן בַּיים עֶפֶענֶען דֶעם שְׁטֶעטְל? אִיר

מֵיינְט אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אֵיין טָאג אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט אוּן מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז מִיר גֵייעֶן בּוֹיעֶן אַ שְׁטֶעטְל? מִיט טַייכְן טְרֶערְן הָאבּ אִיךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר אַרֵיינְשַׁיינֶען וָואס צוּ טוּן, אוֹיבּ מִיר זָאלְן מְיַסֵּד זַיין אַ שְׁטֶעטְל עַל שֵׁם רַבֵּינוּ אוּן וואוּ דִי שְׁטֶעטְל זָאל זַיין, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, יֶעדֶע פְּרַט וּפְרַט.

דֶער עִיקָר דַארְפְט אִיר קוּקְן אוֹיף דִי חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, דִי קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע חִינוּךְ, אַן עֶרְלִיכֶער חִינוּךְ; אַ אִיד קוּקְט אוֹיף אֵיין זַאךְ 'וואוּ וֶועלְן מַיינֶע קִינְדֶער אוֹיפְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ? וואוּ וֶועל אִיךְ קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין מַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן?' אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה זָאגְט אוֹיף אַבְרָהָם אָבִינוּ, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ (בְּרֵאשִׁית יח, יט): "כִּי יְדַעְתִּיו לְמַעַן אֲשֶׁר יְצַוֶּה אֶת בָּנָיו וְאֶת בֵּיתוֹ אַחֲרָיו, וְשָׁמְרוּ דֶּרֶךְ ה' לַעֲשׂוֹת צְדָקָה וּמִשְׁפָּט".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לֶערְנֶען אַ תּוֹרָה פוּן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן דִי תְּפִלָּה דֶערוֹיף, וַוארְטְנְדִיג אוֹיף אַ מַזָל טוֹב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, ד' מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פוּן וֶוען דִי דָאקְטוֹרִים הֵייבְּן אָן מִיט דִי זַאךְ - גֵייט דֶער מַאן אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ אוּן עֶר וַוארְט אִינְדְרוֹיסְן.

בְּלַייבּ נִישְׁט אִינֶעוֵוייניג, מֶען קֶען סַיי ווִי נִישְׁט הֶעלְפְן אוּן נִישְׁט קוּקְן.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, בַּיי אִים, פוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעפָארְן אִין שְׁפִּיטָאל הָאט עֶר גֶענוּמֶען לֶערְנֶען לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ב' אוּן גֶעזָאגְט דִי תְּפִלָּה פוּן רֶבִּי נָתָן אוֹיף דִי תּוֹרָה, אוּן פַאר עֶר הָאט דָאס גֶעעֶנְדִיגְט אִיז דֶער דָאקְטֶער שׁוֹין גֶעקוּמֶען זָאגְן אַ מַזָל טוֹב; אוּן אַזוֹי פִירְן זִיךְ טַאקֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל זַיין בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת, עֶס זָאל

אָנְקוּמֶען גְרִינְג.

...

## זִיכֶער מַאכְן אַז דִי קִיאָסְק אִיז מְסוּדָר מִיט מְחִיצוֹת בִּצְנִיעוּת

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ד' מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דִי בִּילְדֶער פוּן דִי נֵייעֶ קִיאָסְק; אִיךְ וִויל דִיר זָאגְן אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט לָאזְן מֶען זָאל נוּצְן דִי קִיאָסְק נָאר אוּיבּ עֶס אִיז אָפְּגֶעטֵיילְט מִיט מְחִיצוֹת.

אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס דוּ טְרַאכְסְט; וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיצְן דָארְט מֶענֶער מִיט פְרוֹיעֶן אִינְאֵיינֶעם? דִי גַאנְצֶע גֶעדַאנְק פוּנֶעם קִיאָסְק אִיז דָאךְ נָאר הֶעלְפְן דִי מִשְׁפָּחוֹת אִין שְׁטֶעטְל זָאלְן זַיין רֵיין אָן קַיין רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת, מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט, קָאמְפְּיוּטֶער אִין שְׁטוּבּ; יֶעצְט אַז דוּ מַאכְסְט דִי טִישְׁן אֵיינְס נֶעבְּן צְוֵוייטְן אָן קַיין מְחִיצוֹת אִיז דָאס נָאךְ עֶרְגֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, טְרַאכְט וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן עֶס זָאל זַיין אָפְּגֶעטֵיילְט מֶענֶער מִיט פְרוֹיעֶן, עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין שְׁלֶעכְטְס פוּן דִי זַאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אוּיבּ אִיז נִישְׁטָא קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, אִיז גָארְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ד' מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן אַייךְ אַז אִיר זָאגְט תְּהִלִּים, אִיר הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דִי ... מָאל תְּהִלִּים; אָבֶּער יֶעצְט וֶוען אִיךְ הֶער פוּן אַייעֶר טִיטְשֶׁער

אַז איר לַאכְט וֶועטן זִי זָאגְט מֶען קֶען נִישְׁט עֶסְן און נִישְׁט טְרִינְקֶען אִין קְלַאס, אִיר זָאגְט פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ אַז אִיר גֵייט נִישְׁט פָּאלְגְן, - וְוִיל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט מִיר מֶער נִישְׁט שְׁרַייבְּן קַיין בְּרִיוו; עֶס אִיז מִיר מֶער נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ הֶערְן אַייעֶרֶע סִיוּמִים, אוֹיבּ אִיז נִישְׁטָא קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ - אִיז מִיר גָארְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט.

אִיר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס מֵיינְט פַאר מִיר צוּ הָאבְּן אַ סְקוּל, וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז מִיר צוּ פִירְן דִי סְקוּל; אִיר וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט זַיין פוּן דִי תַּלְמִידוֹת וָואס פָּאלְגְן אַלֶעס וָואס דִי טִיטְשֶׁערְס זָאגְן. אַייעֶרֶע שְׁוֶועסְטֶערְס הָאבְּן דָא גֶעלֶערְנְט, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיסְנַאם דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיגֶע מֵיידְלֶעךְ, זֵיי הָאבְּן מִיר נָאר גֶעהָאלְפְן, זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ וִוינְט אִין סְקוּל צוּ פָּאלְגְן אַלֶעס וָואס דִי טִיטְשֶׁערְס זָאגְן; הַלְוַאי זָאלְט איר אוֹיךְ זַיין פוּן דִי וָואס הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי סְקוּל, נִישְׁט פוּן דִי וָואס מַאכְן דִי אַרְבֶּעט שְׁוֶוערֶער און שְׁוֶוערֶער.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## פַאר קִינְדֶער

### גֶעבְּן צְדָקָה פַאר אַ צַדִּיק בְּרֶענְגְט יְשׁוּעוֹת

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי נָתָן, דֶער גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, עֶר הָאט זֵייעֶר לַאנְג גֶעוַוארְט צוּ הָאבְּן קִינְדֶער. דֶער רֶבִּי הָאט אַלֶעס גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אַז דוּ ווילְסְט הָאבְּן קִינְדֶער - דַארְפְסְטוּ גֶעבְּן אַ פִּדְיוֹן".

וֶוער וֵוייסְט וָואס מֵיינְט אַ פִּדְיוֹן? אַ פִּדְיוֹן מֵיינְט אַז וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ צַדִּיק בֶּעטְן אַ בְּרָכָה - גֶעבְּט מֶען אַ פִּדְיוֹן פַארְ'ן צַדִּיק, מֶען גֶעבְּט צְדָקָה פַארְ'ן צַדִּיק, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת. דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "אוֹיבּ דוּ ווילְסְט הָאבְּן אַ בְּרָכָה פַאר קִינְדֶער - דַארְפְסְטוּ גֶעבְּן אַ פִּדְיוֹן".




זֶעקְס בֶּענְקְלֶעךְ – זֶעקְס קִינְדֶער

וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "אַוַדַאי גֵיי אִיךְ גֶעבְּן גֶעלְט פַאר אַ פִּדְיוֹן, אִיךְ הָאבּ סֵיי וִוי גֶעטְרַאכְט אַייךְ צוּ גֶעבְּן גֶעלְט פַאר אַ פִּדְיוֹן", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "גֶעלְט דַארְף אִיךְ נִישְׁט, בְּרֶענְג מִיר זֶעקְס בֶּענְקְלֶעךְ פַאר אַ פִּדְיוֹן".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט זֶעקְס בֶּענְקְלֶעךְ פַארְן רֶבִּי'ן אוּן עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן זֶעקְס קִינְדֶער, פִינְף זִין אוּן אֵיין טָאכְטֶער.